אונזער נייער פלאץ איז: 251-253 קווין סטריט וועסט
אונזער נייער טעלעפאן איז: עדעלייד 3967

The Hebrew Journal
דער אידישער
זשורנאל
The Hebrew Journal

THE ONLY
JEWISH DAILY
IN ONTARIO.

די איינציגע
אידישע צייטונג
אין אנטעריא.

PRICE: 1 CENT
זונטאג, יאנואר, דער 16־טער, 1916.
י"א שבט, פרשה יתרו תרע"ו.
Toronto Sunday January 16th 1916
VOLUME III. No. 882

לאקאלע פאסירונגען

בעגעהט זעלבסט־מארד.

נאכדעם ווי וויליאם לואיס האט אנגעשריעבען א בריעף צו זיין טאכטער מרס. אליס פון 15 ערענברידזש סטריט, וואו מען וועט געפינען זיין קערפער, איז ער בעגאנגען זעלבסט־מארד אין א ליידיגער סטאר אין 1323 קווין סטריט.

מרס. אליס האט גלייך וועגען דעם געלאזט וויסען דער פאליציי, וועלכע זענען געגאנגען אויפ'ן אנגעגעבענעם אדרעס און האבען דארט טאקע געפונען וויליאמ'ס קערפער.

לויט די פאליציי גיט איבער, איז לואיס אריין אין קעלער פון דער אויבענדערמאהנטער הויז, האט אויפגעבראכען דעם שלאס פון דעם גאז מיטער, האט אנגעטהאן א גאז פייפ, און האט זיך פערסמט.

זיין קערפער איז צוגענומען געווארען אין סיטי מארג.

די אורזאכע פאר זיין זעלבסט־מארד ווערט אנגעגעבען, קראנקהייט.

ארעסטירט פאר גנבה.

דזשאהן בורבאן, אן עסטרייכער, וועלכער האט אנגעגעבען זיין אדרעס 152 יארק סטריט איז ארעסטירט געווארען אויף דער קלאגע פון גנבה.

לויט די פאליציי גיט איבער, האט זיך בורבאן געמאכט א טבע צו גנבנן לעד פייפס פון ליידיגע הייזער.

ווען ער איז ארעסטירט געווארען, האט מען ביי איהם געפונען א גאנצען זאק מיט לעד פייפס.

מרס. בונקלעק איז אויך נעכטען ארעסטירט געווארען פון עקטינג דעטעקטיוו מק־קאנעל אויף א קלאגע פון גנבה.

זי איז געכאפט געווארען גנבנדיג אין די ראבערט סימפסאן קאמפאני דעפארטמענט סטאר.

טריין צוזאמענשטויס.

א טריין צוזאמענשטויס איז נעכטען פארגעקומען אויף דער הויפט גראנד טרונק ליניע אונטער'ן דאן בריק.

דער עקסידענט האט פאסירט ווען א ליידיגער לאקאמאטיוו איז פלוצלונג אריין געפאהרען אין א פראכט טריין, וועלכע איז געשטאנען אויף דער זעלבער ליניע.

דערביי זענען צוויי בריקמען שווער פערוואונדעט געווארען. איין וואגאן האט זיך אנגעצונדען און די איבעריגע פראכט וואגאנס אין וועלכע עס האבען זיך געפונען ארום 35 חזירים פאר גאנס לימיטעד, זענען אזוי צושלאגען געווארען, אז מען האט זיי געמוזט טויטען גלייך אויפ'ן ארט.

ווי עס ווערט ערקלעהרט, איז על די שולד פון דעם, וועלכער טראנספערירט די ליניעס, לאזענדיג דעם ליידיגען לאקאמאטיוו אויף א פרעמדער ליין.

א מיטינג פון דער היברו קאנסערוואטיוו.

מאנטאג אכט אזייגער אין אווענד, וועט אין ציון האל פארקומען אן אפענע מיטינג פון דער היברו קאנסערוואטיוו אסאסיאיישאן.

וויכטיגע פראגען שטעהן אויפ'ן טאגעס ארדנונג.

היינט

ווען מיר וואלטען געווען איצט אין רוסלאנד וואלטען מיר אויסגעשטרעקט די הענד פאר הילף צו אונזערע אמעריקאנער ברידער.

אונזערע עופעלעך וואלטען הונגער געליטען.

אונזערע ברידער וואלטען אונז ניט פערלאזען.

אונזערע בעסטע און ערעלסטע אין אמעריקא און אין קענעדע געבען זייערע הונדערטער טויזענדער, טויזענדער, הונדערטער, און איינציגע דאללאר, און סענדען צו זייערע ליידענדע ברידער.

אלע געבען!

(מיט דער אויסנאהמע פון אייניגע שקצים ורמשים אין געשטאלט פון מענשען מיט סילקענע העמס)

היינט געהען אונזערע וואלונטירען פאר די צעהן סענטיגע.

אידען גיט וויפיעל איהר קענט.

פערמעגליכערע גיט מעהר, ארימערע גיט ווענינגסטענס צעהן סענט!

העלפט, ליעבע ברידער, העלפט מיט וויפיעל איהר קענט.

היינט איז דער טאג!

דעקלאראציע פון צאר זאגט: קיין שלום אהן א זיעג

לאנדאן יאנואר, 14

רייטער'ס פעטראגראדער קארעספאנדענט גיט איבער פאלגענדע פראקלאמאציע וועלכע דער צאר האט ארויסגעלאזען לכבוד ניי יאהר:

"דאס יאהר 1915 איז אוועק פול מיט זכרונות פון פעלע פון זעלבסט אויפאפפערונג פון מיינע גלאררייכע טרופען. און א שווערען קאמפף מיט א שונא וועלכער איז שטארק אין צאהל און רייך אין מיטלען האבען זיי קיין רוה איהם געגעבען און האבען אבגעשטעלט זיין אינוואזיאן. זייערע ברוסטען האבען פאר מירט א מעכטיגע וואנד, א פערטיידיגונג פאר'ן פאטער לאנד.

"אויף דער שוועל פון יאהר 1916 שיק א ברכה אייך בראווע קריעגער אין הארצען און אין געדאנק בין איך מיט אייך וועהרענד איהר געפינט זיך אויפ'ן שלאכט פעלד אין די טרענטשעס. איך בעט דעם אלמעכטיגען גאט ער זאל אייך העלפען אין אייער ארבייט, אייער טאפפערקייט און קוראזש. געדענקט דאס די גלארייכע רוסלאנד קאן ניט זיכער זיין מיט איהר אומאבהענגיגקייט און מיט איהרע רעכטע, זי וועט ניט קענען געניסען די פרוכט פון איהר ארבייט אדער ענטוויקלען איהרע אוצרות פון רייכטהום סיידען מיר וועלען געווינען אן ענטשיידענדען זיעג איבער דעם שונא. געדענקט אז קיין שלום וועט ניט זיין אהן א נצחון. ווי גרויס די ליידען זאלען ניט זיין, ווי צאהלרייך די קרבנות וועלען ניט זיין א נצחון פאר'ן מוטערלאנד מוזען מיר ברענגען.

"ניט לאנג צוריק האב איך געהאט א געלעגענהייט צו בעגריסען געוויסע רעגימענטען אויף די שלאכטפעלדער פון מאלאדעטשנא און ווילעיקא (אין דרום זייט פון ווילנא), וועלכע האבען זיך בעריהמט געמאכט דורך די שלאכטען וואס זיי האבען דארט געהאט אין סעפטעמבער און איך האב זיך איבערצייגט ווי ווארעם זייערע הערצער זיינען, ווי הויך זייער גייסט איז און ווי פעסט זייער בעשלוס איז צו טהון זייער הייליגען פפליכט צו פערטהיידיגען זייער לאנד. איך גאה אריין אויפ'ן נייעס יאהר מיט פעסטען גלויבען אין גאטס רחמנות, אין דער מאראלער קראפט, און פעסטען בעשלוס און אין דער טרייהייט פון דער גאנצער רוסישער נאציאן, און אין דער מיליטערישער טאפפערקייט פון מיין ארמיי און פלאטע.'

עסטרייכישע קרייצער געזונקען פון א פראנצויזישער סובמארין

רוים, יאנואר, 15.

די פראנצויזישע סאמבארין "פאקאלט" האט געזונקען אן עסטרייכישען קרייצער אין אדריאטישען ים, ארום קאטארא.

דיעזע נייעס איז אפיציעל בעקאנט געמאכט געווארען פון דער איטאליענישער אדמיראליטעט.

פון דוראזא, אלבאניען ווערט געמעלדעט, אז פיעלע קערפערס דערטרונקענע עסטרייכישע מאטראזען זענען צוגעשוואומען צום ברעג.

ווי מען דענקט, זענען דאס די קערפערס פון די מאטראזען, וועלכע זענען אונטערגעגאנגען צוזאמען מיט דעם קרייצער.

טערקען דערטרונקען 1.500 ארמענער

לאנדאן, יאנואר, 15.

ארמענער פליכטלינגע, וועלכע זענען געקומען קיין רוסלאנד דערצעהלען, אז 1500 מאסין ארמענער, וועלכע זענען געווען געצוואונגען זיך אונטערצוגעבען צו דער טערקישער רעגיערונג דורך הונגער און קעלט, און ווען די רעגיערונג האט פערשפראכען אמניסטיע, זענען אלע אויסגעשלאכטעט געוואהרען פון דער רעגיערונג.

די מענער זענען פשוט אויסגעשלאכטעט געווארען, און די פרויען און קינדער זענען דערטרונקען געווארען אין טייך פרת.

דיעזע נייעס איז טעלעגראפירט געווארען צום וויצע קעניג בריים, פון די ארמענישע פליכטלינגע.

די פליכטלינגע דערצעהלען אויך פון אנדערע שוידערליכקייטען, וועלכע די טערקען זענען בעגאנגען אויף די ארמענער פליכטלינגע.

דייטשע פארניכטען אן ענגלישע לופט־שיף.

בערלין, יאנואר, 15.

אן אפיציעלער בעריכט לויטעט:

אויף דעם מערב, שלאכטפעלד איז דעם שונא'ס א לופט שיף אראבגעשאסען געווארען דורך ליוטענאנט בעלקע.

זי איז אריין געפאלען אין דער ענגלישע ליניע וואוהין די דייטשע באמבעס האבען זיי נאכגעיאגט און צעשאסען.

מאנטאנעגרא גיט זיך ניט אונטער

רוים, יאנואר, 15.

בעשרייבענדיג די אטאקע וואס די עסטרייכער האבען געמאכט אויף דעם בעריהמטען בארג לאווצען זאגט א דעפעשע פון צעטטיניע — מאנטאנעגרא — צו דער "טריבונא", אז דאס "שטיקעל ארבייט" איז דורכגעפיהרט געווארען פון 50 טויזענד סאלדאטען וועלכע האבען אנגעפיהרט די אטאקע דירעקט פון קאטטארא. דער בארג איז אי באמבארדירט געווארען פון קריעגס שיפען אין קאטטארא האפען און אויך פון באטארייען פון 12 אינטשיגע קאנאנען וועלכע מען האט געשטעלט אויפ'ן בארג משערמאטי.

די מאנטאנעגרינער וועלכע זייגען געצוואונגען געווארען צו פערלאזען דעם בארג לאווצען, האבען זיך צוריק געצויגען צום בארג קוק וואו זיי האבען פארגעזעצט זייער ווידערשטאנד.

ווארשיינליך, זאגט די דעפעשע וועלען זיי פארזעצען זייער שלאכט ביי ריעקא, אריבערפיהרענדיג זייער הויפט שטאדט קיין ניקסיץ, און אויב זיי וועלען געצוואונגען זיין דיעזע פאזיציאנען צו פערלאזען, וועלען זיי קאנצענטרירען זייער פערטהיידיגונג אין סקוטארי, אלבאניען.

דייטשלאנד סטראשעט ענגלאנד מיט שן תחת שן טאקטיק

בערלין, יאנואר, 15.

אין איהר ענטפער צו דער ענגלישער רעגיערונג בנוגע דעם פאל פון דער סובמארין באראלאנג — די ענגלישע ווערען בעשולדיגט, אז זיי האבען סורפרייזד די באראלאנג מיט אן אטאקע און האבען געשאסען אויף די מאטראזען וועלכע האבען געקעמפפט מיט די כוואליעס פאר זייער לעבען — ענטפערענדיג ענגלאנד, וועלכע שלאגט פאר אז דיעזער פאל זאל אונטערזוכט ווערען פון א נייטראלער אונטערזוכונגס באארד, זאגט דייטשלאנד דאס זי שטימט ניט צו אויף דעם, ווייל זאגט זי, ענגלאנד היט ניט אב די אינטערנאציאנאלע געזעטצע בנוגע דייטשע סובמארינס און דארום, זאגט דייטשלאנד, וויל זי מעהר ניט פערהאנדלען מיט ענגלאנד דיזען פאל.

זי וועט, סטראשעט זי, נעהמען שריטע פון שן תחת שן בנוגע ענגלאנד.

די דייטשע רעגיערונג פראטעסטירט אויך אין דיעזער נאטע נעגען ענגלאנד'ס בעשולדיגונגען אז די דייטשע ארמיי און פלאטע היט ניט אב די אינטערנאציאנאלע געזעטצע.

דייטשלאנד וויל האבען אז זי היט יא אב די אינטערנאציאנאלע געזעטצע.

קיין שטילשטאנד צווישען עסטרייך און מאנטאנעגרא

ווין, יאנואר, 15.

די בעריכטען, וועלכע האבען זיך פערשפרייט דאס די עסטרייכישע און מאנטאנעגרער ארמייען האבען צוגעשטימט צו א וואפען שטיל שטאנד, ווערען אפיציעל אבגעלייקענט פון דעם עסטרייכישען קריעגס אפיס.

די מאנטאנעגרער, וועלכע האבען אבגעלייטיגט זייער הויפט שטאדט צעטיניע, האלטען זיך אין איין צוריקציהען אויפ'ן גאנצען דרום און מערב פראנט.

די עסטרייכישע ארמיי, וועלכע יאגט זיי נאך, איז שוין אריבער די צעטיניע־גראב־נהאהווא, ליניע, און האבען פערנומען פלאץ ארום בעליצא, ארום אוטאוואק.

די עסטרייכישע ארמיי ארום גראהאווא האבען פערנומען דריי קאנאנען צוזאמען מיט די סאלדאטען, אויך 500 ביקסען, איין מאשין האוואט און א גרויסע צאהל אמוניציאן.

פינף טויזענד רוסישע געפאנגענע.

וועגען דעם רוסישען פראנט בעריכטעט דער עסטרייכישער קריעגס אפיס פאלגענדעס:

אויפ'ן בעסאראביער פראנט האבען די רוסען ווידער פראבירט צו דורכברעכען אונזער ליניע ארום טאפארוטץ.

די רוסען האבען געמאכט פינף גרויסע אטאקעס אבער זיי זענען יעדען מאל צוריקגעשטויסען געווארען. אונזער גוט געציעלטע ארטילעריע קעמפפע האבען די רוסען פערטריבען.

זייט דער קאמפף האט זיך אנגעפאנגען אין מזרח גאליציען און בעסאראביען האבען אונזערע טרופען פערנומען 5,100 רוסישע געפאנגענע צוזאמען מיט 30 אפיצערען.

ארום קארפילאווקע איז פארגעקומען א צוזאמענשטויס פון אונזערע פאטראלען און די רוסישע פאר־פאסטען.

בערלין, יאנואר, 15.

דער דייטשער קריעגס אפיס בעריכטעט:

א רוסישע אטאקע אינ'ם טשערנאוויצער דיסטריקט, דרום פון טייך סטיר געגען די טרופען פון גענעראל פאן לונסינגען איז דורכגעפאלען.

א פארד פריעדענס באארד אויסערוועהלט

האאג, יאנואר, 14

די פארדישע פריעדענס עקספעדיציאן האט ערוועהלט פאלגענדע אמעריקאנער מיטגליעדער פון דער שטענדיגער פריעדענס באארד, צו זיטצען אין אייראפא אויף אן אונבעשטימטער צייט מיט'ן צוועק צו נוטצען אלע מיטלען צו שליכטען די מלחמה סכסוכים:

פארד, מיסס דזשיין אדאמס, רעווערענד טשארלס פ. עיקעד און מרס. דזשאזעף פעלס פון פילאדעלפיא די בעקאנטע אי־
היינט וועט מען פינף אנדערע אמערי־
דישע כלל טהוערין.

וויללאם דזשעננינגס בריען, הענרי קאנער ערוועהלען אלס אלטערנאנטען (שטעלל פערטרעטער פון יענע).

די באאר וועט בעשטעהען פון א גלייכער צאהל פון די פערשיעדענע נייטראלע לענדער און וועט זיך אויפהאלטען אין האאג אדער אין סטאקהאלם אויף דעם חשבון פון מר. פארד. יעדער מיטגליעד וועט ערהאלטען א סעלערי, און די גאנצע הוצאה פון דער באארד וועט ווארשיינליך אנטרעפען א האלבען מיליאן דאללאר יעהרליך. דאקטאר עיקעד האט אנאנסירט דאס ער וועט רעזיגנירען פון זיין קירכע אין סאן פראנסיסקא.

בין איצט האט געקאסט הענרי פארד'ס רייזע מיט זיין חברה אריין רעכענענדיג זיין רייזע קאסטען צוריק א היים א סומע פון 360 טויזענד דאללאר.

פאר־קאנפערענץ פאר'ן קענעדער אידישען קאנגרעס אין מאנטרעאל

דער פאר־קאנפערענץ וואס וועט דארפען נעהמען אויף זיך די ארבייט פון ארגאנזשירען דעם קענעדער אידישען קאנגרעס, וועט פארקומען אין טאראנטא דעם 4־טען, 5־טען און 6־טען פעברואר.

דיעזען בעשלוס האט אנגענומען דער צענטראלער קאמיטעט פונ'ם פאלקס פערבאנד וועלכער האט עס שוין מודיע נעוועזען צו דער היגער אבטהיילונג פונ'ם פערבאנד.

אזוי ווי די צייט איז קורץ, ווערט פעררופען א ספעציעלע זיצונג אויף היינט 10 אזייגער פריה, פון דער עקזעקוטיוו קאמיטע פון דעם מלחמה הילפס־קאנפערענץ, אום צו נעהמען פראקטישע שריטע צו ארגאניזירען די פאר־קאנפערענץ.

טאראנטער אידען דארפען זיך גרייטען צו דיזער וויכטיגער פאסירונג.

ארמאנד לאווער'ן מוטהיגער ארויסטריט

קוויבעק יאנואר 14

פון דער דעבאדע, וועלכע איז דא דאנערשטאג אין דער לעדזשיסלייטשור פארגעקומען ארום דער טהראן־רעדע, איז דאס אינטערעסאנטסטע די שטעלונג פון ארמאנד לאווערן, דעם פראנצויזישען נאציאנאליסט, וועלכער פערטרעט אין דער לעדזשיסלייטשור מאנטאמען'.

דאס איז א טהייל פון זיין רעדע!

פאר מיר אלס קענעדער מאכט גאנץ ווייניג אויס, צו קענעדע איז אונטער ענגלאנד אדער דייטשלאנד, קענעדער האט גאר ניט צו טהון מיט דער מלחמה, און ער זעהט ניט איין, ווארום "פרענטש־קענעדיענס" זאלען זיך דארפען עגלים טען.

אין מיטען דער רעדע, האט ער זיך געווענדעט צו דער פרעס־גאלעני, זאגענדיג אז ער האט ניט מורא פאר דעם אז זיי וועלען פובליקירען זיינע ווערטער, און אויב מען וואלט איהם געשטעלט צום פראצעס, וואלט ער ניט מורא געהאט אויס צוקלייבען הויב־פעראטה, און ער שרעקט זיך ניט פאר ארעסט.

אין זיצונגס־זאל האט געהערשט א מאדנע געשפאנטע שטילקייט, ווען ער האט פארגעזעצט: אויב די קענעדיענס ווילען זיך שלאגען פאר פרייהייט און טאלעראנץ, איז זייער פלאץ אין קענעדע זעלבסט, אבער קענעדע דארף ניט לערנען קיין טאלעראנץ עמיצען אנדערש, איבערהויפט דייטשלאנד אויב יא דארפען די פראווינצען אנטאריא, מאניטאבא און סאסקאטשיוואן זעהן, אז צווערשט זאל זיין ביי זיי גערעכטיגקייט, דערווייל אבער זעהט ער ניט איין ווארום קענעדע זאל שיקען, סאלדאטען, קאנאנען און געלד פאר דער מלחמה

זכרונו פון פראנץ פאן פאפען

לאנדאן, יאנואר 14

ווען קאפיטאן פראנץ פאן פאפען, דער דייטשער מיליטערישער אטאשע צו טשעפעניש — וועלכען דייטשלאנד האט צוריק גערופען, אויפ'ן פערלאנג פון דער אמעריקאנער רעגיערונג, ווען דיעזער פאפען איז געקומען קיין פאלמוטה, אויף זיין וועג קיין דייטשלאנד האט די ענגלישע רעגיערונג געפונען ביי איהם קאפיעס פון זיין קארעספאנדענץ וועלכע זי האט געגעבען צום אמעריקאנער אמבאסאדאר ער זאל איבערשיקען צום סטייט דעפארטמענט.

דיעזע קארעספאנדענץ בעווייזט דאס קאפיטאן פאן פאפען האט אפט געצאהלט צו פערזאנען וועלכע האבען געהאט די אויפגאבע אויפצורייסען אמוניציאנס פאבריקען און בריקען אין די פעראייניגטע שטאאטען.

איין פאסטען אין די ביכער ווייזט דאס קאפיטאן פאן פאפען האט געגעבען $700 צו ווערנער הארן וועלכער איז ארעסטירט געווארען פאר'ן אויפרייסען א קענעדיען פעסיפיק בריק אין סאן קרוא, מיין, אויף דער קענעדישער גרענעץ.

דעם טאג ווען דיעזער טשעק איז ארויס געלאזען געווארען האט די דייטשע געזאנדטשאפט איינגעצאהלט אויף פאן פאפענ'ס חשבון $2000.

פאן פאפענ'ס טשעק סטאבס, בענק ביכער און בריעף פון זיין באנק ווייזען דאס ער האט געצאהלט צו פערשיעדענע פערזאנען וועלכע האבען א שטארקען אנטהייל גענומען אין די טהעטיגקייטען פון די דייטשע אגענטען אין אמעריקא. עס האט זיך אויך ארויסגעוויזען דאס ער האט געצאהלט געלד צום שפיאן וועלכער איז בעגאנגען זעלבסט מארד אין א צעללע אין ענגלאנד פריזאן.

אין יאנואר אליין פון יאהר 1915 האט ער ערהאלטען $6,400 און אויסגעצאהלט האט ער פינף טויזענד דאללאר.

קייזער ווידער געפעהרליך?

לאנדאן, יאנואר, 15.

ווי עס ווייזט אויס האט דער דייטשער קייזער ווילהעלם, פראנץ יאזעפס מזל. פראנץ יאזעף איז שוין אפשר הונדערט מאל געשטארבען אין די לעצטע עטליכע יאהר, און פאר די לעצטע אכצעהן מאנאטען זייט די מלחמה געהט אן, איז ער שוין אויך געשטארבען עטליכע צעהנדיג מאל, און אלע מאל ווייזט זיך ארויס אז דער אלטיטשקער ווערט נאך אזא טויט בעריכט אביסעלע געזונטער.

וועגען קייזער ווילהעלם, איז די לעצטע עטליכע וואכען בעריכטעט געווארען, אז ער איז שוין אפשר געלעגען אויף 10 טויטענבעטען און יעדען מאל לייקענט מען אפ דעם בעריכט און עס ווייזט זיך ארויס, אז דער קייזער האט גאר ניט אין זינען צו שטארבען.

א טעלעגראמע צו דער צענטראלער ניועס אגענטור פון בערן מעלדעט, אז דער פרייסישער פרינץ הענרי איז גערופען געווארען צו קומען וואס אם שנעלסטען אין בערלין.

עס איז אויך אנאנסירט געווארען אז דעם קייזערס געבורטסטאג, וועלכער דארף פארקומען דעם 27־טען יאנואר, איז צוריקגערופען געווארען.

פרינץ הענרי פון פרייסען איז דעם קייזערס א ברודער, און דאס וואס ער איז גערופען געווארען אין בערלין, האט צו טהאן מיט דעם קייזערס געפעהרליכע קראנקהייט.

די טעלעגראמע וועלכע איז מיט א טאג פריהער געקומען פון רוים, אז די גריכישע קעניגין, וועלכע איז דעם קייזערס א שוועסטער איז אויך גערופען געווארען צו קומען אין בערלין ווערט אפגעלייקענט.

אלע טעלעגראמען, וועלכע קומען פון בערלין מעלדען, אז דעם קייזערס קראנקהייט איז א גאנץ לייכטע, און בלויז די אויסער וועלט מאכט פון זיין קלייניגער קראנקהייט א גרויסע.

אלענפאל'ס, בערלין טראכט נאך גאר ניט, אז דער קייזער ליגט אויף ניט אויפצושטעהן ווי אויסלאנד וויל עס האבען.

אן ענגלישע שיף געזונקען

לאנדאן, יאנואר, 15.

דער ענגלישער דאמפפער טארקוועט איז לויט א ידיעה, וואס די צייטונג לאידס טהיילט מיט געזונקען געווארען פון א סובמארין.

די מלחמה קרבנות

וואו מיר געהען און שטעהן, אויף אונזערע שמחות און אויף אונזערע אונטערנעהמונגען, איבעראל און אומעדום, מוזען מיר טראכטען און עטוואס טהוען פאר אונזערע ליידענדע שוועסטער און ברידער. עס איז אונזער חוב. און מיר דארפען דאנקען דעם מענעדזשער פון ליריק טהעאטער וואס צו זיין עהרען אווענד דיענסטאג דעם 18־טען, האט ער אויסגעקליבען די פיעסע "די מלחמה קרבנות".

ער וועט זיכער האבען אן ערפאלג, ווייל די פיעסע האט געמאכט א פוראר אין ניו־יארק. עס איז דארט פאראן א ליעדעל, זאגט מען, אז דאס איז איינס און אזעלכעס.

און אויסער דעם, דארף דער עולם געהן ווייל די פיעסע טראגט דעם נאמען "די מלחמה קרבנות" און דיעזער נאמען דערמאהנט אונז אין אונזערע קדושים וועלכע ליידען אזוי שוידערליך, און, דריטענס, דארפען מיר אונטערשטיטצען דעם מענעדזשער פון איינציגען אידישען טהעאטער אין טאראנטא.

עס איז אין אונזערע אינטערעסען אז דאס אידישע טהעאטער זאל זיך ענטוויקלען און ווערען בעסער און שעהנער.

גוטע נייעס פאר די קלאוק מאכער לאק. 14.

די ניי אויסערוועהלטע עקזעקוטיוו באארד פון לאקאל 14 איז ענטשלאסען אויפצובויען די ארגאניזאציאן צוריק. די האט ביי זיך פעסט בעשלאסען צו מאכען די ארגאניזאציאן שטארק און שעהן פונקט ווי זי איז געווען בעפאר און לעצטען מיטוואך דעם 12־טען יאנואר האט זי געהאט איין ספעשעל מיטינג צוזאמען מיט קאמיטעס פון אלע שעפער, וועלכע זיינען פעררופען געווארען דורך בריעף.

עס זיינען דיסקוטירט געווארען פיעלע פראגען און פיעל אורזאכען, וועלכע האבען געבראכט די ארגאניזאציאן צו יעצטיגען צושטאנד זיינען אנגעגעבען געווארען און נאך פיעלע דעבאטען איז בעשלאסען געווארען צו רעארגאניזירען דעם לאקאל און שטעלען זי אויף איין ניעם באזיס און געבען איהם א נייע ריכטונג אין דער גאנצער פיהרונג פון דיעזען לאקאל; עס בלייבט איבער פאר אונז בלויז צו גראטולירען די עקזעקוטיוו באארד פאר איהר ענערגישע און מוטהיגע שטעלונג אין יעצטיגען קריטישען מאמענט, און געבען איהר די נויטיגע הילף, וועלכע עס וועט זיך פון אונז פאדערען אום דורכצופיהרען זייערע פלענער אין דער צוקונפט.

לעזט דעם אדווערטייזמענט פון לאקאל 14 אויף דער לעצטער זייט פון דיזער אויסגאבע.

די עקזעקוטיוו באארד לאקאל 14. א. ל. ק. וו.

גרויסע פערפלייצונג אין האלאנד

לאנדאן, יאנואר, 15.

רייטערס אן אמסטערדאמער קארעספאנדענט שרייבט דאס דער שאדען וואס איז פעראורזאכט געווארען פון דער פערפלייצונג אין צפון האללאנד איז בעדייטענד גרעסער ווי מען האט אין אנפאנג געגלויבט. די גרויסע וואסער וואנד אויף דער לאגע פון דעם דרום ים איז איינגעפאלען אויף אייניגע פלעצער.

ניט ווייט פון מואידען האט די וואנד זיך איינגעבראכען אויף אייניגע פונקטען איידער דער עולם האט געוואוסט ווי געפעהרליך די לאגע איז. די וואסערען פון דעם דרום ים האבען ראש געשטראמט דורך די שפאלטען מיט. אזא גרויסער קראפט אז עס האט אוועק געוואשען גרויסע טהיילען פון וועג וועלכער לויפט פאראלעל צו דער וואסער וואנד.

פון גאנץ צפון האלאנד קומען בעריכטען אז די פערפלייצונג האט פעראורזאכט גרויס נויט.

פערשרייבט

נעהמט אייער ביכעלע מיט א בליי פעדער און פערשרייבט:

א. ש. זאקס וועט האלטען דריי לעקטשורס זונטאג, מאנטאג און דיענסטאג, דאס הייסט ניט היינטיגען זונטאג נאר קומענדען זונטאג, דעם 23־טען, 24־טען און 25־טען.

א. ש. זאקס וואהנט ניט אין טאראנטא. ער וואהנט אין ניו־יארק און דארום מוז מען זיך בענוטצען מיט דער געלעגענהייט.

געדענקט די דאטומס עס וועט אייך נוטצען ברייננען.

געלד געשיקט

מר. ה. וויינבערג, שיקט געלד קיין רוסלאנד לויט מאגעס קורס.

35

סענט (פארזובעל)
מיר שיקען אויך טעלעגראפיש

געלד געשיקט נאך
אלע טהיילען פון
דער וועלט

ליבע, האס און ראכע

א אינטערעסאנטער און שפאנענדער ראמאן

בעארבייט פון ל־ק־ד.

(88סטע פארזעצונג)

די יונגער געליעבטע.

עס איז שוין שפעט אין אבענד גע־ ווען, דאריס איז געזעסען איבער איהר צימער אין איהר צוריק געגאנגען וועהרענד זיא האט [illegible] מים דיא תעגר געבראכט.

מיט א שמערצליכע [illegible] זיינען איהרע [illegible] בען פון איהר [illegible] דיא קישען פון [illegible] איהר איבערגעלא־ זען.

[illegible] וואס זאל יעצט מיט איהר זיין ?

[illegible] דעם קליינעם [illegible] אין שטאדט [illegible] שוין פיער שטונ־ [illegible] איז נאך צוריק [illegible] איהר געפעהלט, [illegible] געהאט אויסער דעם.

[illegible] האט איהר [illegible] צייט ביי איהר [illegible] ביי זיך ניט [illegible] דעם פארשלאג [illegible] פריינדין האט [illegible] געלעבט. [illegible] געוואלט צו [illegible] האט דאך קיין [illegible] מיט דיא קינדער [illegible]

[illegible] זיך איבער [illegible] א, גאט, ווער [illegible] דאס עס [illegible] ?

[illegible] איין [illegible] אנדערער איז [illegible] אין הארצען [illegible] און טרויערי[illegible] איהר קינד גע[illegible]

[illegible] איהם [illegible] דער קליינער [illegible] צימער ניט גע[illegible] זיך ערוואכען [illegible] דערשרעקען [illegible] אויך ניט גע[illegible] געדענגנט [illegible] וואס דאס [illegible] שלעכטען [illegible]

[illegible] ? [illegible] אויפ׳ן האר [illegible] אלע זאר [illegible] קיין זאך ניט [illegible] קינד.

[illegible] צימער ארום [illegible] זיך געשטעלט [illegible] האט ארויסגע[illegible] אומזיסט קארל [illegible]

[illegible] הויז צוריקגע[illegible] אין פערצווייפ[illegible] און האט [illegible] גערופען. [illegible] דוא מיין, [illegible]

[illegible] זיא אזוי גע־ [illegible] קינד צוגע[illegible] האנד גענומען [illegible] צימער ארום [illegible]

[illegible] יעצט האט עס [illegible] לאגען. [illegible] אין אויפגעצי[illegible] הערציגער גאט [illegible] עפעס פאסי[illegible] לאנג צוריק [illegible]

[illegible] ? עס [illegible] מיטעל וויא [illegible] צו געהן זוכען [illegible] האט זיא דער [illegible] געדריקט — [illegible] זיא האט ניט [illegible] [illegible] שווער אט [illegible] מיט פער־ [illegible] אין אלע [illegible] איז מיט [illegible] געווארען. [illegible] אין פא־ [illegible] טהיר האט [illegible] האט זיך צו [illegible] גאט, [illegible] קינד ? [illegible] טהיר צולוי[illegible] איהרע גליע[illegible] איהר אזוי [illegible] האט דער [illegible] און זיא [illegible] אום ניט [illegible]

[illegible] אויפגערי[illegible]

סען געווארען און א פרעמדער מאן איז אריינגעקומען.

מיט א געוואלדיגען געשריי איז זיא צורקגעשפרונגען וועהרענד זיא האט דעם פרעמדען מאן אנגעקוקט.

יעצט האט דער מאן דעם הויבען קראגען פון מאנטעל צוריקגעווארפען א הויכער געשריי האט געקלונגען איבערן צימער און : „דער קעניג״! האט דיא דערשראקענע פרוי געשטאמעלט וועהרענד איהר הארץ האט געוואלט שטיל בלייבען.

אונבעוועגליך איז מאנארך אויף׳ן שוועל געשטאנען און מיט פול אונאויסשפרעכליכע מיטלייד איז זיין אויג געהאנגען אויף ער ארעמער, פערצאגטער פרוי וואס איהר בלייכעס אידעלעס געזיכט האט נאך אימער דיא שפורען פון אמאליגע שעהנהייט אויף זיך געטראגען.

און דער קעניג האט יעצט אלעס פערגעסען ער האט ניט געזעהן דיא ארעמע אומגעבונג, דיא ארעמע קליידער זיא שטעהט יעצט וויעדער פאר איהם — דאריס ריטער דער אידעאל פון זיין יוגענד — זיין ערשטע ליעבע! העל האבען זיינע אויגען אויפגעלויכטען בעהרעצט און טריי האבען זיינע געזיכטסציגע גערעדט און דיא האנד אויסשטרעקענדער איז ער יעצט לאנגזאם צו איהר צוגעגאנגען

— דאריס, האט עס שטיל ציטערנדיג געקלונגען פון זיין מויל — אזוי מוזען מיר זיך ווידער זעהן ?

דיא בלאסע פרוי האט קוים געוואגט דעם בליק צו איהם אויפהויבען זיא האט זיך זיין פלעצליכען ערשיינען ניט געקענט ערקלערען.

— מיעסטעט — האט זיא ענדליך געשטאמעלט, טיעף ערגריפען.

— ניט מאיעסטעט — עס איז ניט דער קעניג וועלכער שטעהט דא פאר דיר דאריס, זאנדערן דער פריינד! דו ווייסט עס וויא איך האב דיר א מאל געליעבט און דיא ערינערונג אן יענער גליקליכער צייט, ווען איך פלעג מיט פול גליהענדע בעוואונדערונג אויף דיר קוקען און פערגעסען דאס איך בין א קעניגס קינד געווען, יענע צייט איז פון מיין הארצען ניט אויסגעשלאשען געווארען עס לעבט נאך היינט אין מיין הארצען וויא א שטיל פערבארגענער הייליגטהום !

— עס איז אמת, דאס איך האב דעם גליק געמוזט ענטזאגען דיא פפליכט האט מיר געבאטען זיך דעם ווילען פון מיין פאטער אונטער צו געבען — אבער דאריס ריטער האב איך דעסהאלב ניט פערגעסען !

— פריעדריך — מאיעסטעט !

אויפשלוכצענד איז דיא בלאסע פרוי צו זיינע פיס ניעדערגעזונקען און איהרע הערליכע אויגען וועלכע האבען נאך דעם אמאליגען צויבער בעהאלטען וועלכע האבען יעצט צו איהם אזוי שטראהלענד ארויפגעקוקט וויא אמאל אין דיא יענע גליקליכע צייטען האבען אויף יעצט דעם זעלבען איינדרוק אויף איהם געמאכט.

פארקלערט האט ער אין דיא דונקעלע אויגען שטערן אריינגעקוקט וועלכע האבען איהם זיין אמאליגען גליק זיין אמאליגען יוגענד געצייגט אלעס וואס צווישען זייא איז פארגעקומען איז אין ריזען אויגענבליק אין איהם אויסגעלאשען געווארען

— ארעמע דאריס, האט ער בעהערצט געמורמעלט וועהרענד זיין בליק אי׳ יעצט אויף דער קליינער געפאלען, וועלכע איז ביי איהר זייט געשטאנען און דאן איבערן פוסטען צימער קוקענדיג — ארעמע דאריס !

א שטראם הייסע טרעהרען האבען זיך פון איהרע אויגען א גאס געטהאן ; זיא האט געוואלט דיא האנד פון איהר קעניג אנגעהמען און צו איהרע ליפען צופיהרען, ער האט דאס אבער איהר ניט דערלאזען האסטיג האט ער זיין האנד צורוקגעצויגען און מיט אן אונבעשרייבליכע זיסקייט האט ער דיא ציטערנדע אויפגעהויבען

— ניט אזוי, ניט צו מיינע פיס דארים !

— איך האב פיעל זעהר פיעל אן דיר ווידער גוט צו מאכען, האט ער מיט א טרויעריגען בליק פארטגעזעצט ; איך ווייס, וואס מען האט דיר געטהאן און דאמאלס ווען איך בין אהנמעכטיג געווען האב איך מיט דיא ציין געקריטשעט און מיינע הענד אין פויסטען צוזאמענגעלעגט און האב פראטעסטירט מיין הערץ האט געשריען געגען דיא גרויזאמקייט, וויא מען בענעהט זיך מיט דיר — דאך איך האב גאר ניט געקענט טהאן, דאריס איך האב עס געמוזט רוהיג צוזעהן.

— אבער אויך אין מיין הארץ ברענט דיא שמאך און עס האט קיין מאל ניט אויפגעהערט צו ברענען — איך האב געליטען מיט דיר, דאריס אין יענעם שרעקליכען טאג יעדען שלאג וואס זיי האבען דיר געטהאן האבען זיי מיר אין הארצען געטראפען —

— א, פריעדריך האלט איין —

— ניין דאריס דוא זאלסט עס הערען, ווארום איך ווייס דאס מיינע ווערטער וועלען באלזאם טריפען אויף דיין פערוואונדעט הארץ ! דוא רייגע, איידעלע וואס האסט דיא אויסגעליטען ! אונזערע לויטערע ליעבע, אונזער אונשולדיגען גליק האבען זיי מיט שמוץ פערווארפען און זיי האבען ניט פערשטאנען דאס גראדע דאדורך וועט דיין בילד נאך ליכטיגער און רייגער אין מיין זעעלע פערבלייבען, דאס איך קוק צו דיר ארויף וויא צו א העכערען וועזען ווייל דוא האסט פון מיינטוועגען אזוי צוליעב מיר אזוי פיעל געדולדעט, אזוי פיעל איבערגעטראגען !

— איך האב שוין לאנג יענע פערצייהעט וועלכע האבען דיר וועה געטהאן האט ער ווייטער, מיט דעם קאפ אראפגעבונקען גערעדט איך האב שוין לאנג מיט דער פערגאנגענהייט אפגערעכענט, דיא פפליכט האט מיר גערופען און איך בין איהר נאכגעגאנגען אבער שוין לאנג האב איך געוואלט דיא שולד וועלכע איך טראג געגען דיר אין מיין הארצען ווידער גוט מאכען, ענדליך ענדליך האב איך דערצו דיא געלעגענהייט געפונען ! קוק מיר אן דאריס האט ער בעוועגט אויסגערופען און יעצט דערצעהל מיר, וויא איז עס דיר אין דער צווישען צייט געגאנגען.

זיא האט צו איהם ארויפגעקוקט, איהר געזיכט איז מיט איהרע טרערען אפגענאסען געווארען זיא האט ניט געקענט רעדען פון אויפרעגונג, זיא איז יעצט אזוי גליקליך געוועזען וואס זיא האט איהם געקענט זעהן.

(פארזעצונג פאלגט)

דעם לעזערס ווינקעל

דעם לעזערס ווינקעל

ווערטהער הער רעדאקטאר !

מען האט מיר אויפמערקזאם געמאכט, אז אין אייער ווערטהער ציימונג איז ערשינען א נאטיץ, אז ווען א דעפוטאציע, רעפרעזענטירענדיג דעם טריידס און לייבאר קאנגרעס פון קענעדע, האט זיך לעצטענס געמעלדעט אין אטאווא צום קאבינעט, איבער צוגעבען די רעזאלוציעס, צווישען זיי אויך דעם בעשלוס וועגען „ליטערעסי טעסט״ בנוגע עמיגראנטען, האב איך, אלס איינער פון דער דעפוטאציע ניט געפינען פאר נויטיג צו זאגען עטואס געגען דעם, ערלויבט מיר צו ערקלעהרען פאר אייערע לעזער, אז דער פלאץ צו בעקעמפפען די רעזאלוציע איז געוועזען פאר מיר אויף דער וואנקאווער קאנווענשאן וואו זי איז אנגענומען געווארען און די רעקארדס פון קאנגרעס ציינען, אז איך האב אנגעפיהרט א שטארקען קאמפף געגען, אבער איך בין ניט געוועזען ערפאלגרייך. ווערט א רעזאלוציע איינמאהל אנגענומען פון א קאנגרעס, און דער עקזעקוטיוו קאנסיל ווערט בעאויפטראגט עס איבערצוגעבען צום קאבינעט, קען זיך קיין מעמבער פון דער דעפוטאציע ניט שטעלען געגען דעם בעשלוס פונ׳ם קאנגרעס.

אייערע לעזער קענען זיכער זיין, אז ביי יעדער געלעגענהייט, וואו עס וועט מעגליך זיין אויסצודריקען אונצופריעדענהייט און געגנערשאפט צו דער רעזאלוציע, וועל איך עס פיהלען אלס מיין חוב צו טהאן עס.

איבערגעבענסט אייערער

דזשיימס סימפסאן

ווערטהער הער רעדאקטאר !

אין דעם נאמען פון דער „יאנג מענס היברו אסאסיאיישאן,״ בעט איך מיר ערלויבען דורך אייער ציימונג בעדאנקען רבי מינקין פון העמילטאן פאר זיין לעקטשור וועלכען ער האט געגעבען בא אונז אין דיא קלאב רומ׳ס לעצטען זונטאג אווענד.

מיר האבען געהערט דאס רבי מינקען איז געוועזען ניט ביים בעסטען געזונד דעם טאג פון דער לעקטשור, דאך האט ער פאר זיך ניט געקימערט און איז געפאהרען פון העמילטאן נאך טאראנטא

א מענש וועלכער שטעלט זיין געזונד אין געפאהר בלויז אום צו פרידען שטעלען אנדערע דארף בעטראכט ווערען העכער וויא אלע אנדערע מענשען און דעריבער ווילען מיר אויסדריקען אונזער העכסטען רעספעקט צוא רבי מינקין

מיר פערזיכערען אייך רבי מינקען דאס דיא אלע וועלכע האבען זיך פערזאמעלט איהם צוא הערען זיינען העכסט צופריעדען געוועזען מיט זיין רעדע עס טוהט אונז זעהר לייד וואס פילע האבען ניט געהאט דיא געלעגענהייט עס צוא הערען ווייל דער האל איז געוועזען איבערפילט ענד זיי האבען ניט געקענט אריין

מיט אכטונג

מ. שוינקמאהן

געהערטער רעדאקטאר !

יעדער פון אונז ווייס אין וואס פאר טרויעריגען „מצב״ דאס אידישע פאלק געפינט זיך, מיליאנען אידען זענען רואיניר׳ט געווארען, און מיליאנען שטייען אויפ׳ן שוועל רואינירט צוא ווערען דיא פריינדשאפט וואס מיר האבען ערווארטעט פון דיא קריסטליכע וועלט, האבען מיר שוין געזעהן, מיט וואס עס האט זיך אויסגעלאזען.

עלענד און מוהטלאז שטייט דאס אידישע פאלק, טראכטענדיג וואס וועט ווערען פון איהם, צוא זי וועט קענען ביישטעהן פון דיא איצטיגע גרויסע כוואליעס אייגענטליך וואס האבען מיר געדארפט טהאן ? האבען מיר געדארפט אויספיהרען דעם „פסוק,, „אם אין אני לי מילי,, פעראייניגען זיך אלע פאדערען גערעכטיגקייט קעמפפען פאר אונזער עקזיסטענץ.

מיר מוזען מודה זיין אז אין אנפאנג האבען זיך אנגעהייבען גרויסע בעוועגונגען, איבער גאנץ אמעריקא, עס האט זיך געדרוכט אט באלד וועלען מיר זעהן וואונדערליכעס קאנגרעססען מיט קאנפערענצען נייע שטערענס האבען זיך באוויזען אין אידישען לאגער, דאכט זיך גוט, אבער דא האט זיך אריינגעריסען דיא אידישע היסטארישע „מכה,, וואס מיר האבען דאס געירשענט פון „מרבעם בן נבט, ‚מי יהיה בראש,, בא איהם איז געווען רעכט דאס גאנצע פאלק זאל אונטער געהן נור ניט צוא דערלאזען אז דער ברודער זאל זיין „קעניג,, איהם האט אלעס געערגערט, צוא זעהן זיין ברודער, זיין א קעניג און מיר האבען געזעהן מיט וואס עס האט זיך גיענדיגט, מיט 2 קעניגרייכען

דער נאך האט זיך אריין געריסען דער אינערליכער פיינד און צושטערט אלעס אונזער היילגטום אונזער קעניגרייך, פערטריבען אונז אין „גלות און מיר ליידען נאך עד היום פון דאהן וואלטען מיר דאך שוין געדארפט האבען אלע מאן טהאן אלעס און אחדות, זעהען צוא פערווערקליכען דיא זאך אבער דער „מי יהיה בראש, אין שטארקער זאל אלעב זיין צוא רואיניג, זאל דער אויסערליכער שונא אונז קריקען שטיקען זאל פון אלעם ווערען „אחד אבי מיין ברודער זאל ניט זיין קיין פרעזידענט קיין פיהרער, יעדער איין אונז אין קענעדער „אידענטהום״ ניט בעסער, דאכט זיך איינגער „ישוב״ אלעס האט געדארפט געטהאן ווערען מיט תמימות דא האט איך דער „מי יהיה בראש, און געמאכט צרות אנגעפאנגען האט זיך פון דיא פני געענדיגט האט זיך מיטן דעמאקראטישען „פאלקס״ פערבאנד דער האט ניט געוואלט זעהען וויא דער ווערט קעניגען דער וויל ניט דער זאל קעניגען אויסגעלאזען האט זיך מיט זייא ביידען גארנישט, איינגעשלאפען ביידע, זייער איבינגען שלאף, וואס זאלען מיר יעצט טהאן ? לאזען דעם שונא ארויין קריכען ביי אונז טיעפער זעהען וויא ער טרעהרען לאזען דיא עופעליך, שטארבען פון הונגער, איז שוין גאר קיין עצה ניטא, ניט צוא דערלאזען דאס „פאלק,, אונטער געהן, איך דיינק אז ווען אונזערע ניט דיא פני, זאלען עפעס וואס אנפאנגען קען עפעס יא וואס ארויס קוממען, א ביישפיעל זעען מיר פון ציוניזם וואס זייא האבען אויך געטהאן, און זיי וואלטען נאך פיעל אויף געטהאן ווען עס מישט זיך ניט אריין דיא יעצטיגע מלחמה.

אייער פאטראניזיער

פ. בלעק,

פיטערבורע אנט.

סאסייטיס, ארגאניזאציאנען און פעראיינען!

אין נייעם לאקאל פון אידישען זשורנאל איז פאראן א גרויסארטיג גרויסער און ליכטיגער האל פאר מיטינגען, קאנצערטען, לעקטשורס און זא ווייטער. גאנץ בעקוועם פאר עטליכע הונדערט פערזאן.

כל הקודם זכה

קומט און רענט דע האלל, עס וועט אייך הנאה טהאן.

לייגט ניט אב, ווייל עס וועט זיין צו שפעט !

דער אדרעס פון אידישען זשורנאל איז איצט 251 קווין סטריט. וועסט טעלעפאן עדלייד 3967

„דער פאלקאמענער טאג“

איז דער טאג ווען איהר ארבייט אין הארמאני מיט׳ן געזעטץ. געזונדערהייט קומט פון הארמאני. קומט אין הארמאני מיט דער נאטור׳ס געזעצע דערמיט וואס איהר וועט עסען **Shredded Wheat** אין איינפאכע, נאטירליכע עלעמענטארישע שפייז וועלכע בעזארגט מיט דער גרעסטער נארהאפטיגקייט מיט וועניג לאסט אויף דער פערדייהונג. פראבירט עס מיט הייסער מילך אדער מיט קריעם פאר פריהשטיק. בעטעמט מיט צעשניטענע בענענעס אדער אנדערע פרוכט. געמאכט אין קענעדע.

אדרעסט הייגט — סיטי דיירי מילך
פאלעדוש 2040—21 פיינטס $1

רהומאטיזם נעהט אוועק שנעל: זיין גיפט איז אייביג פערניכטעט

יעדער פאל איז היילבאר.

גוד באי רהומאטיזם אייערע וועה טהוענדע געגלענקען, אייערע שטייפע, וועה טהוענדע מוסקולען, יענע שלאפלאזע נעכט, און ליידענדע טעג — גוד ביי אויף תמיד — דיין טאג איז אוועק.

לייזענדער, גאר ניט געזארגט, און לעזט די נוטע נייעס, ווי פאלגט :

‚א מאן האט מיך בעגעגענט מיט א מאנאט צוריק און האט געזאגט, „זאג ניט מעהר פערקריפעלט הערט אויף זיך צו בעקלאגען, פאסט מוט״.

מיין ענטוזער איז געווען : איך בין רהומאטיש. איך קאן דאס ניט טהון. ער האט מיך גוט בעטראכט מיט אזא רחמנות פונים און האט מיר געהייסען געהען אין נאהענטסטען דראג סטאר פאר נערווילין און פערזאן. די דאזיגע קאמבינאציע האט איהם געהאט אויסגעהיילט איך בין געווען איבערצייגט אין זיין ערנסטקייט און איך האב נאכגעפאלגט זיינע אינסטרוקציאנען.

איך האב יעדען טאג דריי מאל איינגעריבען מיט נערווילין — ארויין געריבען פונקט אין די וועה טהוענדע גע־ טער געווארען און איך בין געווארען מעהר לענקען די שמערצען זיינען שנעלער ליי־ טהעטיג און איך האב מיינע ביינער אויסגעגלייכט. כדי ארויס צו ציהען די גיפט פון דער קריינקהייט פון מיין בלוט האב איך גענומען צוויי פערראזיין טאבלעטס מיט יעדען מאלצייט. איך בין היינט געזונד, קיין שמערצען, קיין ווטאג און קיין צייכען פון שטייפקייט איבערהויפט״.

וואס נערווילין קאן אויסטהון איז אן ערגליכען פאלל קאן עס טהון פאר אייך אויך. שוין פערציג יאהר כמעט אז נערווילין ווערט רעקאמענדירט פאר רהומאטיזם, לומבאגא, און סיאטיקא און קרומער רוקען. עס איז די איינציגע רפואה וועלכי ענטוישט קיין מאל ניט

קוויטירונגען

פון „אידישען פאלקס פעראיין״

איף א בלוה מלכה ביים טשערמאן פון ביזזיטשער הילפס פעראיין, י. געוויצטצמאן, וואו עס איז געזאמעלט געווארען פאר ביזזיטשינער מלחמה קרבנות איף נישט פערגעסען געווארען דער פאלקס פעראיין און מר. קארענבלום פון 176 ענגעס סטריט, האט געזאמעלט 6.05 דאלאר. מר. יעקב בומאויל פון 229 קינג סטריט איסט האט געבראכט די געלד צום פעראיין. א טיכטיגען אנטהייל האבען גענומען ביים געלד מאכען מר. פרוכטמאן און מר. א. שעכטער, אונזערע מעמבערס

מר. מעזניקער, דער פרעזידענט פון פאלקס פעראיין האט געמאכט דעם אפיעל פאר שטיצע, וואו עס איז געשאפען געווארען 25 דאלאר פאר ביזזיטשינער מלחמה קרבנות

אויף א ברית אין 2018 דאנדעס סט. ביי מר. אברהם אבראמאוויטש איז געזאמעלט געווארען דורך אונזער טרעזשורער אייזיק גאלדפעלד און משה טארנאווסקי, $6,50.

מר. שמואל קויפמאן פון 1994 דאנדעס סט. און מרס. אסתר שווארץ האבען געבראכט די געלד צום פעראיין.

אויף א חתונה אין 127 מאראיא סט. וועסט טאראנטא פון מר. פאלי דייט מיט מיס [illegible] געזאמעלט דורך משה טארנאווסקי, עקזעקוטיוו מעמבער און אייזיק גאלדפעלד $7,78 מר. און מרס. מענדעל וואס האלטען א בעקער שאפ אין 231 מאראיא סטריט, [illegible] האבען געבראכט די געלד צום פעראיין.

א דאנק פערדיענען אויך מר. העררי ווייראוויטש, מר. דאמבראווסקי, מר. ס. גייטמאן פאר צוהעלפען מאכען די געלד

דורך אטעות איז ארויסגעלאזען געווארען די קוויטירונג, וואו ביי א בר מצוה שמחה ביי מר. אהרון שטיין פון 368 [illegible] עוו. געזאמעלט דורך מר. קויפמאן פון 225 פארלאמענט סטריט און מר בראנשטיין $13,64 מר. אהרון שטיין, דער פאטער האט געצעהלט די געלד. דער זיידע מר. קלאוז האט געקויפט די געלד, אז די באבע פון בר מצוה זוהן מרס. קלאוז זאל ברייגגען די געלד צום פעראיין.

דורכ׳ן זשורנאל פון א תנאים אין 126 סעקוויל ביי מיסס בערקאוויטש מיט מר. קרים, געזאמעלט דורך מר. מענדעלסאן, מר. בערגמאן $10,25

דורכ׳ן זשורנאל פון א חתונה אין קארנער מיקאל און קווין סט. געזאמעלט דורך אונזער קאמיטע קראנזילבער, גאטליב 3,25.

דער „אידישער פאלקס פעראיין״ ווינשט מזל טוב אלעמען מיט פיעל גרטעס : פיעל פרייד און וואוגע שמחות אין אייערע הייזער און נאמען פון די אידישע עלענדע קראנקע, וועלכע ווערען געהאלפען דורך אייערע גוטע הערצער, מיר דאנקען אייך די זאמלער און די מנדבים.

ה. מ. קירשענבוים, סעקרעטער.

איהר זענט געבעטען צו בעזוכען אונזערע מיטינגען יעדע צווייט וואכען זונטאג אין 5 סט. פעטריק סטריט.

פארם צו בילינע פרייזען ביי ב. גאדמאן 382 פארלאמענט סטריט. פאקס, מינק סעטס און זא ווייטער. טעלעפאן מיין 6092

Real Estate
ריעל עסטייט

א פארם פון 150 אקער לאנד, מיט 2 הייזער, 2 בארנענס מיט אלע מאשינערי פיר דאס פארם, 23 מייל פון טאראנטא אויף די קינגסטאן ראוד, נעבען א טריין טרעק, וואסער, טעלעפאן און אלעס נויטיגעס. קליינע איינצאהלונג. א גוטער טשאנז צו מאכען געלד. פרעגען אין זשורנאל מר ווייגבערג.

צו פערדינגען א בלעק סמיטה שאפ און ווארקשאפ מיט טולס. נאכפרעגען 773 קווין סטריט וועסט

4921—1—17

צו פערדינגען אן אפארטמענט אין ענגעס סטריט, סטיעם היט, $14 א מאנאט. נאכפרעגען 131 קווין סטריט וועסט. ד. דייווים

4922—17—1

א פלעט פון 3 רומס צו פערדינגען, אלע קאנוויניענס, נאכפרעגען 82 אגוסטא עוועניו.

4697—1—18

פיינטער און פייפערהענגער איך פייפער א רום אדער פיינט פאר $2 33 באלדווין סטריט

1—24

א פלעט פון 4 רומס אלע קאנוויניענס צו פערדינגען אין 72 בעלוואודס עוועניו.

4911—1—15

BUSINESS CHANCES
ביזנעס קויפען און צו פערקויפען

צו פערקויפען א זינגער שניידער מאשין זעהר ביליג. פרעגען פיין 15 קענזינגטאן עוו.

49—36—1—18)

איך קויף פאן טיקעטס פון דזשולערי. פרעגען 84 וויקטאריא סטריט. טעלעפאן מיין 532, רום 12

4643—17—1

א בעקאנטמאכונג צו אלע כענטשיער לאנדסלייט

מיר מאכען אייך בעקאנט אז מיר האבען געהאט איין מיטינג זונטאג דעם 9־טען יאנואר אין 222 סימקא סטריט שוהל וו/ עס איז אנגעוועזען 50 לאנדסלייט דער מיטינג איז געוועזען איין גרויסער ערפאלג עס איז געזאמעלט געווארען איין סומע פון 286 דאלאר פאר אונזערע ליידענדע ברידער און שוועסטער אויף יענער זייט יאם מיר פאדערען אויף אונזערע לאנדסלייט וואס זיינען נישט געוועזען אויף דעם לעצטען מיטינג אין נאמען פון אשער אין נאמען פון ריכמאנס אז זיי זאלען אין דעם יעצטיגען מאמענט נישט שטעהן פון דער ווייטענס און זאלען זיי זיך אויך אהן שליסען אהן אונזערע ארמעע און מיט איין פעראייניגטע מאכט וועלען מיר שאפען שטיצע פאר אונזערע ברידער און שוועסטער מיר רופען אייך נאך איין מאהל צו אונזער מיטינג זונטאג דעם 16־טען יאנואר אין 222 סימקא סטריט שוהל 4 אזייגער נאכמיטאג מיר האפען אז אלע לאנדסלייט וועלען קומען

מיט אכטונג דיא קאמיטע

וואו לויפסטו?

וואס הייסט וואו איך לויף !

איך לויף אין 5 סט. פעטריק צו די מיטינג אין אידישען פאלקס פעראיין בעזארגען מיך מיט א טיקעט צום בענעפיט

מאנטאג דעם 17־טען יאנואר

וואו עס ווערט געשפיעלט די בעריהמטע פיעסע פון ראנאוו

דער תלמוד חכם

אין ליריק טהעאטער

מען זאגט זיי האבען נאך די בעסטע טיקעטס אויב אזוי קום וועלען מיר געהן ביידע : קום.

מעמבערס

פון אידישען פאלקס פעראיין

זונטאג דעם 16 יאנואר פונקט צוויי אוהר וועט א מיטינג אבגעהאלטען ווערען אין פאלקס פעראיין 5 סענט פעטריק סט. וויכטיגע ארבייט איז דא צו פערהאנדלען; די יעניגע מעמבערס וואס האבען נאך ניט גענומען זייערע טיקעטס זיינען געבעטען צו קומען סעטלען. אלע מעמבערינס און מעמבערס זיינען געבעטען צו קומען אין צייט וואו עס ווערט אראנזשירט ווערען קאמיטעס אויף מאנטאג צו דער פארשטעלונג.

מיט אכטונג

י. מעזניקער פרעזידענט

ה. מ. קירשענבוים, סעקרעטער

4928—1—16

ארבייטער פערלאנגט

פערלאנגט ביי
THE T. EATON CO.
LIMITED
עקספיריענסד סליעוו הענגערס פיר מענער קאוטס
זיך ווענדען
פעקטארי עמפלאימענט אפיס
16 לואיזא סטריט

פערלאנגט עקספיריענסד קאטערס פאר ווייט וועהר. נאכפרעגען דאמיניאן טאי קאמפאניע קווין און רזשארדוש סט.

4219—1—18

פערלאנגט אפריטארס מוז זיין עקספיריענס פאר סקוירטס און דרעססעס. פולער און קא. 132 ריטשמאנד וועסט

4933—1—17

פערלאנגט א פלעט פון 3 אדער 4 רומס א שיינעם נעגענד מוז זיין אלע קאנוויניענס, מעלדען זשורנאל באקס 1

פערלאנגט א מאנופעקטשורינג פלעגט מיט סטים היט, בילינ רענט, פרעגען טאראנטא פאר קאמפאניע 245 יאנג סט.

4926—1—17

פערלאנגט עקספיריענסד אפערייטארס פאר ווייט וועהר. נאכפרעגען 251 מיטשעל סטריט

4929—1—17

פערלאנגט א מיידעל פאר לאפעלס און קאלארס אויף א פעדינג מאשין. נאכפרעגען טאראנטא קלאדינג קא. 206 ארעלייד סטריט וועסט

4914—1—17

פערלאנגט מיידלאך מוזען קענען נייהען ביים האנד און ביים מאשין. נאכפרעגען קווין העט קאמפאניע 82 ביי סטריט

4914—1—17

געפונען אויף סענט פעטריק סטריט א פאקעט בוק מיט געלד נאכפרעגען מיסעס וואליקאף 6 בעלוויו עוועניו

49151—17

פערלאנגט א באי מוז זיך נוצליך מאכען אין פעקטארי. נאכפרעגען קווין העט קאמפאניע 82 ביי סטריט

4914—1—17

ארבייטער פערלאנגט

עקספיריענסד אפערייטארס און דרעסעס און סקוירט אויך עקספיריענסד פינישערינס און פרעסערס. סטעדי ארבייט א גאנץ יאהר בלויז ערשטע קלאסע פערלאנגט אין איינע פון די גרעסטע שעפער אין טאראנטא. נאכפרעגען פאר אלע איינצעלהייטען מר קארפ 127 קלערמאנט סטריט

4901—15—1

פערלאנגט א מאן וואס פערשטעהט די דאלל מאנופעקטשורינג ביזנעס. מוז קענען דיזיינען דאלל קליידער, דזשאוינינג און סטאפינג. באקס 731

4910—15—1

איין אידישע פאמיליע אין קאנטרי וויל האבען א מלמד צו די קינדער און ער זאל אויך קענען שחטת עופות אויב וועלכער וועט זיך געפינען זאל זיך ווענדען צו סילעק 24 טאראנטא סטריט

4931—1—17

קאנגרעגיישאן אנשי ליבאוויטש וועלכע האט איהר פראכטפאלע שוהל ביז 400 סיטס קארנער גרענדזשאונד דעניסאן עוועניו מאכט בעקאנט דאס ביז פורים קומט וויא אריין מעמבערס פריי און איינטריט געלד בלויז די 50 סענט מאנאטליך מיטינג׳ס אלע זונטאג פון 4 ביז 8 אוהר. אווענד.

גבאי, משה רובינאוו.

4670—17—1

וויכטיג צו וויסען פאר האמילטאנער אידען !

דער בעסטער פלאץ אין האמילטאן צו קריגען א גוט ביסעל משקה, ביליג און גוט און פינקטליך דעליווערט, איז אין 206 קינג סטריט איסט קארנער פוירגוסאן עוועניו. אויב איהר מאכט א חתונה, ברית אדער אן אנדער א שמחה און איהר ווילט די געסט זאלען זיך פיהלען פרעהלאך, דאן בעזארגט אייך מיט א גוט ביסעל משקה פון מ. ברעמנער, בראנפען, ביער און ווין „נאטהינג טו ביעט״. געדענקט גוט מר. ברעמנער 206 קינג איסט, טעלעפאן 741.

1—15

כשר און ביליג און גוט
איך מאך בעקאנט צו אלע מיינע קאסטומערס גראסערס און אייזקרים פארלארס און רעסטאראנטען [illegible]
משה סאלקאוויטש, 894 ריטשמאנד סטריט וועסט. טעלעפאן אדעל. 1559

THE DAILY HEBREW JOURNAL

H. WINBERG, Pres. & Gen. Mgr.

The Only Daily Jewish Newspaper in the Province of Ontario

PUBLISHED BY

— CANADIAN JEWISH PUBLISHING CO., LTD. —

251-253 Queen Street West Telephone Adelaide 3967

SUBSCRIPTION RATES: $3.50 PER YEAR

SINGLE COPY 1c.

Entered as Second Class Mai Matter at G.P.O. Toronto, Ontario January 22nd, 1913

ALLIED PRINTING TRADES UNION LABEL COUNCIL TORONTO

דא און דארט

אויסרעדען די צרות פאר א צווייטען, ''ארונטעררעדען פון הארצען'' ווי אונזערע מאמעס און באבעס פלעגען זאגען, דאס האט תמיד געווירקט צו קענען לייכטער טראגען די שמערצען. דאס אויסרעדען זיך, דאס טהיילען זיך מיט'ן צווייטען מיט די אייגענע וועהטאגען, איז געוועזען א האלב-טרייסט, די אינדיווידועלע צרה איז געווארען א כלל-זאך, וועלכע יעדער איינער פלעגט טראגען, און אבוואהל פון די מיטקרעכצען איז איהם ניט לייכטער געווארען, דאך א טרייסט א נחמה האט עס איהם געבראכט, און עס איז געווארען לייכטער די וועהטאגען צו טראגען.

אין די יעצטיגע שטורם-טעג אבער, ווען מיליאנען מענשען ווערען ביז צום משוגעת געטריעבען, ווען הילפלאזע עלענדע מוטערס זעהן ווי זייערע קינדער געהן אוים אין די שרעקליכסטע יסורים, ווען עפידעמיעס, נגושים, און איובס צרות האבען געטראפען א גאנץ פאלק, דעם לעבעדיגסטען טהייל פון אונזער פאלק, די רוסישע אידען, האבען זיי אפילו די איינציגע טרייסט ניט, צו קענען זייערע צרות פאר דער וועלט צו דערצעהלען. דאס אידישע געשריבענע ווארט איז אין יענעם לאנד אונבארמהערציג דערשטיקט געווארען, און אפילו איבער די רוסיש-אידישע ארגאנען הערשט די מעכטיגע צענזור, און דארטען וואו מען וויל פאר דער וועלט דערצעהלען די גרויסע אידישע צרה די טויזענדער אידישע טראגעדיעס, וועלכע האבען זיך אבגעשפיעלט, און צו וועלכע עס נעהמט גאר ניט קיין סוף, דארטען ווערט עס אונטערדריקט פון דער מעכטיגער צענזור-האנד, און דער לעזער בעקומט בלויז ווייסע שטיקער פאפיער, אלס א צייכען, אז די ווערטער, וואס האבען דארטען געזאלט זיין, קענען ניט זעהן די ליכטיגע שיין.

צו אונז, די גליקליכערע, וועלכע לעבען רוהיג אויף דער זייט ים, דערגרייכען בלויז אבגעהאקטע ידיעות פון די פיעלע טראגעדיעס, איינצעלנע ווערטער פון די פאסירונגען, און דאך איז גענוג פון דיזע קלאנגען צו בעשאפען זיך א בעגריעף, וועגען דעם, וואס עס קומט דארטען פאר, דארטען אויף יענער זייט. איבער ווילדע סטעפעס, איבער די בלאטיגע ''טונדרעס'', הערט זיך א שעפטשען פון א פאלק, וואס בעט בייטאג אויף דער נאכט, און ביינאכט אויפ'ן טאג, מיט דער האפנונג, אפשר וועט א סוף צו דער פיין קומען, מחנות ווייז ציהען זיי זיך, די אייביגע אידישע וואנדערער, געטריעבען פון אלע זייטען, און עס וואקסען אויפ'ן וועג די בית עולמ'ס, וואו די קדושים געפינען זייער רוהע-פלאץ, עס מעהרען זיך די צאהל פון משוגענע מוטערס, וועלכע האבען איבער'ן וואנדער-וועג זייערע קינדער פערלוירען, און עס גוססען די זקנים, וועמענס איינציגע קדישים זענען שוין פון לאנג אויפ'ן שלאכטפעלד טויט, האבענדיג פערגאסען זייער בלוט פאר'ן הייליגען לאנד, וועלכע טרייבט זייערע פאטערס, ווען די זיהן שטעלען זייערע ברוסטען פאר'ן שונא'ס קוילען אוים.

און איהר לעזט צווישען די ווייסע פון דער צענזור אויסגעמעקטע שורות, און איהר זעהט דעם געפיהל פון ליעבע און איינינקייט, וועלכער האט אלעמען און אלעם ארומגענומען. די אומגליקליכע טהיילען זיך מיט'ן לעצטען ביסען מיט די נאך אומגליקליכערע, און די גליקליכע? יענע לעבען בלויז פאר זיי די אומגליקליכע. הילף פאר די געטריעבענע און געיאגטע, דאס פילט אוים זייער גאנצען וועזען. א אידישע זקנה פון א שטאדט ערגעץ אין טאמבאווער גובערניע איז צופריעדען און גליקליך, ווען זי קען א פאר פליכטלינגע שבת מיט א שטיקעל ווייסע חלה דערפרעהן. א אידישער בחור, איז איבערגליקליך, ווען ער גיט זיך אב מיט זיינע אידישע ברידער-פליכטלינגע, לערנענדיג זיי די רוסישע שפראך, אום זיי זאלען זיך ווי עס איז מיט די נייע שכנים זייערע קענען פערשטענדיגען.

סלאיזבערג און פרידמאן, ביידע יעצטיגע פיהרער פונ'ם פעטראגראדער אידענטהום, האבען בלויז איין זארג פאר זיך, ווי אזוי בעסער צו קענען העלפען די דריי מיליאן פערטריבענע און רואינירטע אידען. אידישע קהלות וועלכע זענען גאנץ געבליבען בעשטייערען זיך מיט גרויסע סומען, אידישע פאמיליען צאהלען פראצענטען פון זייערע הכנסות פאר די נייע אידישע ארימע, און די אידישע באלעבאסטע גיט אוועק איהר הויז, איהרע צימערען, פאר די פליכטלינגע, זיי זאלען ווי עס איז אויסרוהען קענען.

קיין מחלוקת, קיין כבוד-זוכעריי, בלויז איין ציעל איין צוועק, וואס בעסער צו העלפען די אומגליקליכע, וואס גרעסער די הילף זאל זיין, וואס ווייניגער טרעהרען, אלעס לעבט פאר'ן צוועק, אריינצוברענגען ווענינגסטענס א קליינינקען שטראהל-ליכט אינ'ם פינסטערען אידישען לעבען.

אזוי איז עס דארטען.

ווי אזוי איז אבער דער פאל ביי אונז, אין דער דרייסיג טויזענדיגער טאראנטער אידישער קהלה?

די היגע אידען האבען פערשטאנען, אז זיי מוזען עטוואס טהאן פאר זייערע ברידער און שוועסטער.

זיי האבען אויך פערשטאנען, אז אליין קענען זיי גאר ניט טהון, האבען פערשטאנען די וויכטיגקייט פון ארגאניזאציע, און פאר דעם צוועק האבען זיי א מלחמה הילפס קאנפערענץ בעשאפען.

עס האבען זיך אבגערופען די אידישע הערצער, און פון סענטען זענען ביז היינטיגען טאג שוין פופצעהן טויזענד דאלאר איבערגעשיקט געווארען.

ניט געקענט צוזעהן, האבען עס די רייכע, וועלכע קענען ניט פערגעסען אזא זאך, ווארום אידען זאלען בעגעהן אזא פערברעכען, ווי העלפען די מלחמה קרבנות אהן זייער וויסען, אהן דעם וויסען פון די ארויפגעארבייטע רעגס פעדלער, דזשאנק-דילער, און אלע אנדערע דילערס, וועלכע האבען זיך אויסגעלערענט רעדען מיט'ן פתח; וואלטען זיי זיך ווענינגסטענס ביי ניט וועלען העלפען, ביי ניט וועלען געבען זייערע דאלארס, אבגעשטעלט, וואלט מען עס נאך געקענט פערשטעהן; עס איז זיי א שאד מיט זייערע דאלארס אדער ''קווארטערס'' צו געזעגנען זיך, ווייל זיי האבען פאר דעם בעסערע ''אינוועסטמענטס'', ווי צו העלפען אייגענע ברידער און שוועסטער, איז דאס אבער פאר די אלע ''ארויפגעארבייטע'' וועניג געווען, און מענשען לעבען בלויז מיט דעם איינציגען פלאן, ווי אזוי א ריס, א שפאלטונג, אין דער הילפס-ארבייט אריינצוברענגען.

די קאלהאריער דייטשען האבען זיך שוין פון לאנג אבגעטהיילט, עס שטעהט זיי ניט אן צו האבען צו טהאן מיט פשוט'ע אידישע בשר ודמס, יעצט האלטען זיך די האלבע דייטשען, די וועלכע קענען נאך ניט דעם פתח מיט דער ריכטיגער הברה ארויסרעדען אויך ביים אבטהיילען זיך.

לעצטען דינסטאג איז עס געשעהן, האבען זיך א מנין פון די אידען, וועלכע זענען בעקאנט מיט'ן נאמען ''בעלי בתים'' צוזאמענגעקליבען, מען האט זיך איינגעטהיילט מיט כבודים, אוינעם געגעבען די פרעזידענט שטוהל, א צווייטען אן אנדער כבוד, און מען נעהמט זיך זאמלען הילף פאר די מלחמה קרבנות.

אנשטאט, ווען יענע מענשען, וואלטען ערנסט געדענקט צו העלפען די מלחמה קרבנות, האט זייער אויפגאבע געדארפט זיין די ארבייט ניט צוצורייסען, נאר קומען אין דער עקזיסטירענדער קערפערשאפט, העלפען די ארבייט פערגרעסערען, די הכנסות פערדאפלען, טהיילט מען זיך אין א בעזונדער קלייזעל אוים, אום מען זאל זיך קענען עליות אויסטהיילען.

צווייטע לענדער, דא און דארט זוכט מען צו ארבייטען פאר אונזער אומגליקליכער אומה, דארטען איז אבער ברוינט פאר די ליידענדע דער ציעל פון דער ארבייט, ביי אונז אבער זוכט מען כבודים.

לעזער, איהר מעגט א טראכט געבען וועגען דיזער פערשוועדעגארטיגקייט.

דר. נתן בירנבוים וועגען דער פויליש-אידישער פראגע

ריטער פאן יאווארסקי, דער פרעזידענט פונ'ם העכסטען פוילישען נאציאנאל קאמיטעט איז ארוים מיט אן ארטיקעל וועגען דער פויליש-אידישער פראגע. ער האט געשריבען אז אן אונאבהענגיגע פוילען דארף געבען די אידען פולע גלייכע רעכטע נאר מיט דער בעדינגונג, אז זיי זאלען זיך פאלשטענדיג אסימילירען אט אויף דעם ארטיקעל האט דער בעריהמטער אידישער דענקער דר. נתן בירנבוים פערעפענטליכט פאלגענדען ענטפער אין דער וויענער אידישער צייטונג:

מאכט אייך נאר נישט כלא ידוע.

ה' ריטער פאן יאווארסקי האט זיך אין א צייטונג וואס ערשיינט אין פעטערסבורג ארויסגעזאגט איבער די פויליש-אידישע בעציהונגען. דערביי האט ער גאר נישט געזאגט, וואס מיר האבען שוין נישט צעהנדליגע מאל געהערט בעסער אדער ערגער פון מענער פון דער פוילישער עפענטליכקייט. אבער דאס, וואס דוקא ער זאגט דאס, ער — דער פרעזידענט פון דעם העכסטען פוילישען נאציאנאל-קאמיטעט, דאס וואס ער זאגט עס אין דער איצטיגער צייט און צום סוף דער מאניפעסט-מעסיגער, פאדערערענדיגער טאן, מיט וועלכען ער בענוצט זיך, אלין דאס פערלאנגט פון אונז, זיך דאך אביסעל אבצושטעלען ביי זיין ארויסטריט.

דערביי קענען און ווילען מיר נישט איבערוויקלען די גאנצע פויליש-אידישע פראגע. מיר מוזען זיך אבזאגען דערפון, זיך נעהנטער צו פערנעהמען מיט דער ''פערשארפונג פון די פויליש-אידישע בעציהונגען'', וועלכע ער שטעלט פעסט אויף אן אופן, פאר וועלכען מיר זיינען איהם דאנקבאר, פאר דער פערהדושטער נישט-פוילישער וועלט, למשל, נאכצופארשען, וואס פאר א מדרגה די דאזיגע שארפקייט האט שוין דערגרייכט. מיר ווילען אויך נישט איבערפרובען די סבה, וועלכע ה' יאווארסקי ווייזט אן פאר דעם פאקט, וואס דאס פערהעלטניש זעהט אזוי אויס. ס'איז דאך קלאהר אז ער לעגט ארויף די ערשטע שולד נאר אויף דער רוסישער איינריכטונג פון דער אידישער טשערטא און די נעהנטערע שולדיגקייט אויף דער ''איבער נאציאנאליסטישער אגיטאציע פון די איינגעוואנדערטע ליטוואקען''.

נאך ווייניגער פערשטעהט זיך, קענען מיר זיך פערנעהמען מיט דער פראגע. צי און ווי ווייט ס'האלט שוין איצט אין ארויסוואקסען דער יסוד פונ'ם עתיד, אויף וועלכען דער ה' פאן יאווארסקי שטיצט זיך דאך ביי זיינע אויספיהרונגען — דאס ''ווידער געבוירענע פוילען'' (מיר ווילען זיך היטען אויף א פרעמדען חשבון צו האבען צו טהון מיט דער צענזור) ס'איז גענוג, ווען מיר שטעלען פעסט, אז מיט די הויכגעשפאנטע דערווארטונגען פונ'ם פרעזידענט; פונ'ם העכסטען פוילישען נאציאנאל-קאמיטעט שטערט אין פוילען הסכם די זיכערהייט, מיט וועלכע ער ווענדעט זיך צו די אידען מיט חסד-פולע הבטחות און פאדערונגען און ס'וועט גענוג זיין, אז מיר וועלען אויף די דאזיגע הבטחות און פאדערונגען לעגען א קורצע ערנסטע תשובה.

א ביישפיעל מיט מערב אייראפעאישע אידען.

דער הער פאן יאווארסקי וויל זיך אומקעהרען צו די אלע פוילישע טראדיציעס אין דער יודענפראגע. ער וויל אז די אידען זאלען בעקומען גלייכבערעכטיגונג און אז ס'זאל זיי געגעבען ווערען די מעגליכקייט, ארויסצוקומען אויס זייער איצטיגען פערצווייפעלטען ווירטשאפטליכען מצב. די אנטיסעמיטישע פערענטפערונג אין וועלכער ס'איז פארם זאל ווערען אויסגעשלאסען. נאר דורך א קלארען און זיכערער הבטחה, אז דאס ווידערגעבוירענע פוילען וועט זיך צוריקהאלטען פון אלע אונטערדריקונגען און רדיפות קען לויט זיין מיינונג געשאפען ווערען דער יסוד פאר דער אסימילירונג פון די אידישע מאסען. וועגען דער דאזיגער אסימילירונג האט ער א גאר בעזונדערע דגאה. ''פון די אידען, — אזוי ענדיגט ער זיינע אויספיהרונגען — מוזען מיר אין דער זעלבער צייט און מיט פולער פעסטקייט פערלאנגען, אז זיי זאלען ווערען געטריישע בירגער פונ'ם לאנד, אז זיי זאלען ארבייטען פאר זיינע אינטערעסען און זארגען פאר זיין ענטוויקלונג. דאס וועט עפענען די אידען דעם וועג צו די קוועלען פון פרנסה און קולטור, אזוי ווי די אידען אין מערב זענען געווארען גוטע פראנצויזען, ענגלענדער, איטאליענער און דייטשען, אזוי האבען מיר דאס רעכט צו פאדערען פון אינזערע אידען, אז זיי זאלען זיין גוטע פאליאקען און געוויסענהאפטע בירגער פון פוילען''.

קודם כל פערגעסט הפנים ה' פאן יאווארסקי, אז ס'זענען דא גאר א סך מענשען — סיי צווישען די אידען, סיי צווישען די נישט-אידען (אויב מיר האבען נישט קיין טעות, אפילו צווישען די פוילען) — וואס גלויבען אפילו נישט, אז די פראנצויזישע, ענגלישע, איטאליענישע און דייטשע אידען זענען געווארען טאקי אין גאנצען אלט'דיגע פראנצויזען, ענגלענדער איטאליענער און דייטשען, אדער מיינט ער אפשר, אז מ'דארף זיך גאר נישט מאכען פון די דאזיגע אפיקורסים נו, גוט; אבער דאס קען ער לכל הפחות נישט אוועקמאכען מיט דער האנד, אז די אסימילאציע איז דארט כלומר'שט שוין פארטיג, בשעת ער איז דאך אליין מודה, אז אינ'ם פויליש-אידישען פאל דארף זי ערשט דורכגעפיהרט ווערען. און ער וועט נישט קענען לייקענען, אז צוליעב דעם דאזיגען חילוק מוז מען ערשט איבערקלעהרען צי איז דער דאזיגער פאל באמת גלייך צו יענע אנדערע פאלען.

מיר פערבעטען איהם מיט אונז דאס איבערצוקלעהרען און מיר האפען, אז ער וועט אונזער פערבעט שוין דערפאר אננעהמען, וואס מיר פערשפארען איהם שוין ביים אנהויב די העלפט פון דער ארבייט, דהיינו די שאלה, צו איז ביי די פאליאקען פארהאנען אן אקטיווער ווילען צו אסימילירען די אידען כאטש אין דעם זעלבען מאס ווי ביי די פראנצויזען, ענגלענדער, איטאליענער און דייטשען. מיר אליין מעגען אויס דער געשיכטע און אויס'ן לעבען האבען געוויזען די איבערצייגונג, אז דאס איז נישט דער פאל און אז ביי די ענטשפרעכענדע פוילישע ארויפטרעטונגען האנדעלט זיך עס נאר וועגען פארבייגעהענדע שטימונגען פון קליינע קרייזען און נאך אפטער וועגען טאקטישע צוועקען פון דער טאג פאליטיק.

מיר ווילען נישט פערלאנגען פון איהם, אז ער זאל אונז מסכים זיין אויף אונזער פירוש אויף זיין און זיין פאלקס פסיכיק — אפילו ווען ער זאל ביי זיך אליין נישט ווייט זיין דערפון, דאס צו טהאן. מיר ווילען נאר, אז ער זאל אויסהערען און נאכגעהן אונזערע געדאנקענגענג דארט, וואו ס'האנדעלט זיך וועגען אונזער פסיכיק און וועגען אונזערע אויסערליכע פערהעלטענישען, וואס שטעלען אין איינעם פאר די וויכטיגסטע יסודות פון אונזער גוטוועגדיגער ענטוויקלונג. אויף דעם דאזיגען געביעט דארף מען, מיינען מיר, קודם כל אונז פרעגען און אדם וואלט אפשר גלייך געווען אויך פאר יענע, וואס מיינען אז זיי האבען איבער אונז די דעה.

קענען די אידישע מאסען זיך אסימילירען?

קודם כל וואלטען מיר געבעטען דעם ה' ריטער פאן יאווארסקי צו נעהמען אין בעטראכט, אז ער אליין רעדט פון דער אסימילירונג פון די אידישע מאסען. נו, איז איהם גאר נישט איינגעפאלען, אז אין די פאלען וועלכע ער ווייזט אן אלס מוסטער פון דער אסימילירונג, האנדעלט זיך גאר נישט וועגען מאסען? פאלט איהם טאקי באמת נישט איין, אז אסימילירען אידישע שטעדט, און וועלכע ס'זיינען דא שורות פון גאסען, וואס האבען מעהר אידישע איינוואוינער וואס גאנץ איטאליען ארום און ארום מוז זיין גאר עפעס אנדערש, ווי אסימילירען ספרדישע קליין און מיניאטור-קהלות, און וואס איז מיט'ן ווירטשאפטליכען בייגעשמאק, וועלכער ליעגט אינ'ם ווארט מאסע און וועלכען ער האט אליין, זעהט אוים, אין דעם פאל ארויסגעפיהלט. צו זעהט ער באמת נישט, אז די קליין און גאר קליין בירגערליכע און פראלעטארישע מזרח-אידען קענען אויף א גאנץ אנדערען אופן גובר זיין דעם יצר הרע פון אסימילאציע, ווי אמאל די גוט-בירגערליכע דייטשע אידען, פאר וועלכע די אסימילאציע האט זיך געהאט א ווירטשאפטליכען און ערציהונגס כח? צום סוף — און דאס איז אויך נישט אוועקצומאכען מיט דער האנד: צו שרעקט ער זיך לחלוטין נישט פאר דער פונקציאנעלער אומזיכערקייט וואס קען אריינקומען אין זיין פאלק, ווען אין זיין גייסטיגען בלוט-לויף וועט אריינגעפיהרט דאס גייסטבלוט פון א גאנצער מאסע מיט א ביז איצט פרעמדע פסיכיק, וואס האט זיך אנדערש ענטוויקעלט דורך די פערגאנגענע יאהר-טויזענדער?

אדער זאל מען אפשר אננעהמען, אז ער איז ביי זיך אין דעם גאנצען ענין גאר נישט אזוי זיכער און רעדט זיך נאר דערין איין, ווייל ער האט נישט קיין אנדערען אויסוועג? ווייל דאס זעהט זיך דאך ארויס אויס יעדען ווארט זיינעם, אז ער קען זיך נישט קיין עצה געבען מיט די נייע אריענטירונגען וועלכע האבען פאר זיך דעם עתיד וועגען די פערהעלטניסען פון נאציע און מלוכה און וועגען די בעציהונג פון צוויי נאציאנאל אויף דעם זעלבען געביעט. ער קען זיך עס פשוט גאר נישט פארשטעלען, ווי אזוי צוויי פעלקער זאלען אלס אזעלכע אין איינעם לעבען און איינע זאל נישט די צווייטע נאציאנאל אויפפרעסען און אז פערשיעדענהייטען ווערען בעסער פעראייביגט צו א ניצליכער מלוכה-שותפות'דיגקייט דורך נאציאנאלער אויטאנאמיע ווי דורך דער אליינהערשונג פון איין פאלק, וואס בלייבט איהם בכן איבער נישט צו וועלען זעהן די וואנד אקעגען וועלכער ער קען אייגזארפען מיט'ן קאפ?

צוריקגעשמיעסט וואלט ער זיך אפילו אהן אלע נייע אריענטאציעס געדארפט דעם עסק אביסעל איבערקלעהרען. פשוט צוליעב דעם נאציאנאלען דענק-אופן און צוליעב דער געשיכטע פון די יאהרצענדטען, אין א צייט, ווען די נאציאנאליטעט איז געווארען אנ'אלגעמיין מענשליכער רעגולאטיוו, מוז גראד דער רעאלפאליטיק, וואס ה' פ. יאווארסקי וויל דאך בלי ספק זיין לויט'ן רעצעפט פונ'ם רעאלסטראטעג ראדעצקי זיך רעכענען דערמיט, אז די אנדערע שיסען אויך. די אידען מעגען לויט זייער טעאריעס האבען א טעות, ווען זיי ווילען ווייטער דערהאלטען זייער לעבען לגבי די פאליאקען. אזוי ווי די פאליאקען האבען עס אזוי לאנג און אזוי טראגיש געהאלטען אקעגען די רוסען — אבער ער מוז זיך דערמיט רעכענען, אז זיי טהוען עס און ער מוז דאס רוהיג אריינעהמען אין חשבון. דער קען עס מאכען אין ערנסט איינפאלען צו גלויבען, אז דאס אידישע פאלק וועט אייביג צוקוקען, ווי למשל, די לעטען און עסטען, אדער די אלבאנער און מאנטענעגרינער ווערען און וועגען זייער גריגעם שיקסאל-לעבען און וועט אליין קיינמאל נישט קומען צום געדאנק און צום געפיהל, אז ס'האט דאך לכל הפחות אזוי פיעל רעכט צום לעבען ווי די דאזיגע בכבוד'דיגע פערלאקערשאפטען?

מען האט נים קיין רעכט צו פאדערען א ז'אידען זאלען זיך אסימילירען אין פוילען.

און אויב ס'איז אמת, אז ביי די אידען אין מערב איז שוואכער געווארען דער אידישער בנין — פון אנ'אמת'ן'גער גאנצער אסימילאציע איז דאך לאנג נישט קיין שמועס — וואס בעווייזט דאס פאר דער נויטה און פאר'ן חוב פון די מזרח-אידען צו אסימילאציע? איז דאס נאציאנאלע צו זיך קומען דערפאר געווארען אנ'אלגעמיין אנגענומענער מענשען-חוב כדי די גרויסע מאסען פונ'ם אידישען פאלק, וואס זענען געבליבען ביים פולען בעזיץ פון זייער נאציאנאלען פרצוף זאלען זיך אהן א שום נויט אריינלאזען אין מעטאדען פון אבשוואכען זיך אליין, ווייל עטליכע גרופען פונ'ם פאלק זענען אמאל ווי אנדערע בעדינגונגען שוואך געווארען? דאס וועט קיינמאל נישט געשעהן! און דאס זאל ה' פאן יאווארסקי וויסען: אויב פאר איהם איז די אסימילאציע א זעלבסט-פערשטענדליכקייט און צו דער גלייכבערעכטיגונג איז ביי איהם צוגעשטעפט א קלארען ''ווען'' — פאר אונז די גלייכבערעכטיגונג דאס זעלבסטפערשטענדליכע און דער אידישער ווילען צום לעבען אליין. מיר וועלען דעם פוילישען פאטערלאנד, וואס וועט אפשר קומען, געבען וואס איהם קומט, אבער קיינמאל וועלען מיר אנ'אנדער פאלק נישט אוועקגעבען אונזער נשמה, אפילו ווען קומען צו דער מדרגה פון א מלוכה-פאלק. מיר זעהען שוין דורכאוים מיט די אלטע קונצען, וואס מ'האט געמאכט מיט אונז, צוגויפמישענדיג אויף א כשוף מאכערדיגען אופן די בעגריפען מלוכה און פאלק. מיר פערשטעהען שוין פשוט נישט פאר וואס די פאליאקען זאלען האבען מעהר רעכט צו פאדערען דאס פערפוילישען זיך פון אונזערע אידישע מאסען, ווי מיר דאס פערפוילישען זיך פון די פוילישע מינדערהייטען אין די אידישע שטעדט. מיר פערשטעהען לחלוטין נישט, פאר וואס דוקא מיר זאלען פערשונדען ווערען צוליעב דעם העבערען כבוד פון פערשיעדענע נאציעס. מיר ווילען באמת נישט מעהר אליין פערשפרייטען דעם פערקריפעלטען ווייז פון אנ'עפאכע פון מיספערשטענדניססען. מיר דאס פאלק פון דער תורה, דאס עלטעסטע אייגענארטיגע פאלק צווישען די ווייסע פעלקער, דאס פאלק מיט די העכסטע קולטור-דענקמעלער און מיט א לעבענס כח ווי קיין שום אנדער פאלק. — מיר ווילען זיך נישט אבזאגען פון אונזער לעבען. ניין! דא זענען מיר און דא בלייבען מיר, און ווער ס'רעדט זיך איין, אז ס'קען זיך איינגעבען אונז צו פערגארען צום שטארבען, דער וועט זיך אליין שולדיג זיין, אויב ער וועט זיך אליין האבען אבגענארט.

דר. נתן בירנבוים

די בעוואוסטע

האמבורג

קאנסערוואטארי אף מוזיק

— לערנט —

פיאנא, וויאלין, סעללא

און זינגען

די לעסאנס ווערען געגעבען ביי די בעסטע לעהרערס וועלכע פערזיכערען גוטע רעזולטאטען.

טוירמס פאסענד פאר יעדען:

פון $8 ביז $30 פאר 10 וואכען.

די קאנסערוואטארי איז אונטער די פערזענליכער אויפזיכט פון פראפעסאר האמבורג.

481 שערבאורן סטריט

טעלעפאן נארטה 7893

פונ'ם שטעטישען „יאריד"

א משעה מיט ''בעווערליזם'' און פארזעצונגען

''בעווערליזם'', אזא ווארט וועט איהר אפילו אינ'ם בעסטען ווערטערבוך נים געפינען, און דאך איז עס א גאנץ פשוט ווארט, וואס די בעדייטונג פון דעם ליעגט אויבען אויף. אמת דאס ווארט איז מיינס און אייגענס, איך האב זיך עס אליין בעשאפען, אבער דאך איז עס א שעהן ווארט, א פערשטענדליך ווארט, א ווארט וואס דערצעהלט אייך פיעלעס.

אמת, אז ווען איהר וועט נעבען א אידען פון דער פרעמדער א פראגע, ''מר. סא און סא'', וואס מיינט ''בעווערליזם'', וועט ער אויסשטעלען אויף אייך א פאר אויגען, וואס דאס וועט מיינען, אז אפילו זיין באבע האט פון אזא ווארט נים געוואוסט, איז דאס אבער גערעדט בלויז מיט א פרעמדען, אבער אז א טאראנטער איד זאל נים וויסען, וואס עס מיינט אזא ווארט ווי ''בעווערליזם'' איז טאקי פע שבפע, וואס פע הייסט.

אדרבא הערט זיך איין, וועט איהר זעהן, אז מען דארף נים זיין קיין אזא גרויסער גאון, אדער פילאזאף צו וויסען, אז ''בעווערליזם'' שטאמט נים מעהר און נים ווייניגער פון א גאס, א טאראנטער גאס, וועלכע רופט זיך בעווערלי סט. און אזוי ווי פון קאבצאנסק ווערט קאבצאנים קאפיטאל — קאפיטאליזם ציון — ציוניזם און פון שארלאטען — שארלאטאניזם, ווארום זאל מען אויך נים קענען מאכען פון בעווערלי — ''בעווערליזם''. אט האט איהר שוין דעם אורשפרונג פון מיין ווארט, די פערהיסטארישע קוועלע, פון וואנען ''בעווערליזם'' שטאמט.

אי וועט איהר מיר פרעגען, ווארום עפעס אין מיטען דרינען מיט א סרחה בעווערליזם און נים מיט א סימקאליזם, ספידייניזם, אדעליידיזם און ענגעסיזם, אין דער תירוץ, אז א כפרה יענע אלע גאסען פאר בעווערלי שטראסע, ווייל וואס האט איהר אויף יענע מקומות, ווידער א בוטשער סטאר, און נאכאמאל א גראסערקע, אויף בעווערלי אבער שמעקט מיט קולטור, דארטען דרעהט זיך דאס גאנצע רעדיל פון דער טאראנטער אידישער ציוויליזאציע, און אויב דער צוקונפטיגער געשיכטע-שרייבער וועט וועלען שרייבען זיין בלאט געשיכטע מכח דער אידישער טאראנטא, וועט ער זיך נים ארויסדרעהען פון מיין בעווערלי שטראסע, וואו ער וועט וואכען לאנג מוזען מאכען ארכעאלאגישע אויסגראבונגען, אום צו דערגרונטעווען זיך צו קענען ערפארשען אינ'ם צווייטען צעהנדליג פונ'ם צוואנציגסטען יאהרהונדערט.

פערשטעהט איהר שוין, ווארום ''ערא'' בעעהרט יענע שטראסע מיט מעהר כבוד, ווי אלע אנדערע גאסען, איבער וועלכע דער בחור קירבע (נים טשוירטש נאר קירבע, איך בין א אידישיסט) איז דער ''טשיף מערושים-טרייט''. אי וועגען יענער גאס, מיין בעווערלי הייסט עס, איז דא מעהרער צו שרייבען, ווי למשל פון א באלרוים, וואו די גראסעריעס רייטען איינע אויף די צווייטע, און האבען זיך אלע פערקליבען אין איין ווינקעל, און צווייטענס, וויל זיך מיר צוהעלפען דעם היסטאריקער-ארכעאלאג, און דריטענס, גוט ער דאך קיין חזיר נים זיין, און אנגעבען, אז ''סא ענד סא'', אז ער וואלט גאר נים געקענט וויסען, ווען גאט וואלט נים רחמנות געהאט, און בעזארגט איהם, מיט א מר. ערא'ן, וועלכער זאל בעווערלי-הבירה בעשרייבען, און וועלכער מענש וויל עס נים, אז די געשיכטע זאל איהם פעראייביגען, אפילו א פרעזידענט פון די ציוניסטען, וועט אייך זיין טאטען און מאמען פערקויפען פאר א שטיקעל כבוד, וואס א פינגערל פון דער רעכטער לאפעלע.

נאך די הקדמה, קענען מיר שוין מיט א רוהיגען געוויסען איבערגעהן צו דער טהאטזאכע, ווי דער דייטש זאגט.

אלזא, ווען איהר געהט אויף מלכה-גאס, און קומט צו צו א גאס, וואס האט פונקט נעגענאיבער אן ''אוקשען'' פון אלטע כלי בית, פון דער רעכטער זייט, א פלאץ (נים פליים) וואו מען מאכט פון אלטע קליידער שפאגעל-נייע, ווען איהר בעצאהלט א דאלאר מיט א האלבען, און פון דער לינקער זייט, א קרעטשמע, וואו איהר קענט קריגען רעטאך מיט פאמעראנצען, ציבעלעס און מאקאראני, זאלט איהר וויסען אז דאס איז די אמת'ע גאס, און איהר קענט איהר אפילו אין א שטאק פינסטער נאכט נים פערבלאנדזשען, לאזט זיך דאן געהן גלייך, ביז וואנען איהר קומט צו צו א קליין פארקעל, דארטען שטעלט זיך אב, כאפט אבי דעם אטהעם, און אז איהר וועט פיהלען, אז איהר האט שוין צוריק אייערע כחות, לאזט זיך געהן איבער דער קולטור רעזידענץ, אזוי פון איין פלאץ אין צווייטען און איהר וועט זעהן, אז ''ערא'' איז נים משוגע, מיט אין איינקליובאכץ.

איהר נים געגלאפט מיט איינמאהל, מיין בעווערליזם קען מיר סטענען אזוי אויף א דריי-פיער יארידים, און איך איל זיך נים, מיר וועלען אנאליזירען דורוך און געלאסען יעדען פלאץ בעזונדער, און זאל אונזער ארבייט ארוים א פאלשטענדיגע, נים קיין פארטאטשקע, ווייל ערא האט א כלל, אז מען איילט זיך, קומט קיין גוטס נים ארוים. דארום נים געבאפט. פאוואליע, אזוי ווי מיין לאנדסמאן האט ליעב צו זאגען, ''טישע יעדעש — דאלשע בודעש'', אז מען לעבט מיט חשבון, שטארבט מען מיט ודוי.

אויב למשל, דאס בעריהמטע וועבסטער ''ליעבע, האס און ראכע'' מעג זיך דרוקען אין פארזעצונגען, ווארום זאל איך נים מאכען א פראבע מיט מיין ''יאריד'' אויך אין פארזעצונגען, נשקשע, עם וועט זיך לוינען פאר אונז אלעמען.

אלזא ווי זאגט דארטען יענער, רופט מיר איין דעם מר. ''פארזעצונג פאלגט'', און זאלען מיינע טויזענדער פערהערער און פאטראנייזער ווארטען א וואך צייט, ביז מיין פארגעזעצטער ''יאריד'' וועט דערזעהן די ליכטיגע וועלט.

(מחשבות'ן, אויב ער וועט נאך האבען לאנגע יאהר).

GOLD DUST

MADE IN CANADA

פאר יעדען שייערונגס און רייניגונגס צוועקע

גאלד דאסט ווערט געברויכט אם ווענינגסטען דריי מאל אין טאג אין מיליאנען הייזער.

עס זיינען נאך פאראן פיעלע טויזענדער באלעבאסטעס וועלכע רעכענען אז גאלד דאסט איז בלויז פאר עטליכע צוועקע. —

גאלד דאסט זאל בענוצט ווערען צו רייניגען.

גאלד דאסט ארבייט ווירקליך פאר אייך.

דאס איז העכסט עקאנאמיש; עס איז העכסט צופריעדענשטעלענד און עס איז העכסט סאניטאריש.

דאס קען ניט צוקראצען אדער שעדיגען איהגענד וועלכע גלאנץ און עס וועט ארונטערוואשען אלערליי שמוץ און ברוד. די דיזע הויפט איינענשאפט פון גאלד-דאסט איז אזוי ווירקזאם. דאס עס שווינקט ארונטער די שמוץ און די בחות, איבערלאזענדיג א נייקייט, א ריינקייט און בליאסק, וועלכע איז בלענדענד.

5c. און גרעסערע פעקלאך פערקויפט איבעראל

"Let the GOLD DUST TWINS do your work"

THE N.K. FAIRBANK COMPANY LIMITED MONTREAL

פיקפארד פאפולאריטעט קאנטעסט

איז שוין אייער נאמען אריין אין דיעזען ערגרייטענדען קאנטעסט אויב ניט, לעגט עס ניט אב אויף נאך א טאג. דאס איז אייער גרויסע געלעגענהייט. בענוצט זיך מיט איהר. פיעלע פון די בעריהמטעסטע סטארס אויף די פילמס זיינען געווען, ווי איהר ווייסט עס, גע־וועהנליכע מיידלאך אהן גרויסע שעהנקייט, און מיט קיינע שיינבארע אייגענשאפטען פון ספעציעלען טאלאנט. דאך זיינען זיי געווען ערפאלגרייך איבער זייער פערזענליכקייט. און פערזענליכקייט איז בלויז א צווייטער נאמען פאר פאפולאריטעט. אויב איהר זייט גאר פאפולער איז דער קאמפף האלב געוואונען. לערנען זיך פאר מאושאן פיקטשורס איז א פראגע פון עקספיריענס. דיעזער פאקט האט אבגעהאלטען פיעלע מיידלעך זיי זאלען קיין ערפאלג ניט האבען, פאר די יעניגע אבער וואס וועלען געווינען אין דעם פיקפארד פאפולאריטעט קאנטעסט שטעהט שוין אזא שטערונג ניט אין וועג. איהר קאנט קיין בעסערע לעהרע ניט האבען ווי ביי מר. דזשוליאן ארמיטאזש, פון דער פאטא פליים סטודיא הייגצמאן בילדינג. און דאס איז פריי פאר די דריי פאפולערסטע מיידלעך אין טאראנטא. קומט אריין און קריגט אלע איינצעלהייטען אין דעם

מערי פיקפארד טהעאטער קארנער קוויז און ספעדיינא עוועניו

ד. ר. ז.
א. ד. ר. ה.
איהר פערשטעהט?

אלע אפרייטארס, פינישערס און בייסטערס

דארפען קומען צו א ספעשעל מעמבערס מיטינג פון לאקאל 14

דיזען מאנטאג דעם 17־טען יאנואר

8 אוהר אבענד אין 194 ספעדיינע עוו.

ביי דיעזען מיטינג וועט רעארגאניזירט ווערען דער לאקאל און עס איז אין די אינטערעסען פון יעדען איינעם פון אייך קומען צו דיעזען מיטינג און געבען זיין ראטה.

עקזעקוטיוו באארד לאקאל 14 א. ל. ג. וו.

לאזט ניט דורך די געלעגענהייט
פאטאגראפער סורו'ין

מאכט בעקאנט דעם אידישען פובליקום פון טאראנטא דאס ביי מיר אין פאטאגראפיע 16 קעמערען סטריט ווערען געמאכט גוטע פיקטשעס צו די ביליגסטע פרייזען פון דעם 15־טען יאנואר, אונטער דער אויפזיכט פון א גוטען פאטאגראפער וועלכער ארבייט דריי יאהר ציים אין דער גרעסטער ענגלישער פאטאגראפיע, די ארבייט ווערט געפינישט אויף די בעסטע פייפערס און דיא שעהנסטע מאונטס.

די פאטאגראפיע איז אפען פון 9 א זייגער ביז 6 פארנאכט שטענדיג

פאסט קארד 50 סענט א דאזען קעבינעט $1.50 א דאזען, העף קאבינעט $1.00 א דאזען. פאמיליען גרופעס $3.00 א דאזען.

גרויסע בילדער ווערען געמאכט פון אלע פיקטשעס.

קומט און איבערציינט אייך פאר דער ארבייט גאראנטירט.

ניט לאזט דורך די געלעגענהייט, קומט אין 16 קעמערען סטריט

די טאראנטא עלעקטריק סופליי קא.

מאכט אלערליי עלעקטרישע ארבייט, צו פאר די טאראנטא עלעקטריק צו פאר די הייררא עלעקטריק און רעפערינג צו די ביליגסטע פרייזען.

טעלעפאנירט מר. קעמין דעם אידישען מענעדזשער ארעלייד 3527 אדער ארע־לייד 2223.

אדרעס 95 קווין סט. וועסט אדער 509 קווין סטריט וועסט.

אויך פערקויפען מיר אלערליי עלעקטרישע פיקטשורס און סופלייס אין לעמפ לאך צו די ביליגסטע פרייזען. האנדעלט מיט אונז און איהר וועט זיין צופרידען אלע ארבייט איז גאראנטירט ביי די קאמפאני.

THE TORONTO ELECTRIC SUPPLY CO.
95 QUEEN STREET WEST
Tel. Adelaide 3527
Manager's Residence 343 Queen St. W.
Phone Adel. 2223

ווארשאווער אקושארקע
ענע ראמאנאווסקי
233 סימקא סטריט
טעלעפאן ארעלייד 1543

דאקטאר סטאט
האט איבערגעמופט זיין אפיס נאך
195 בעווערלי סטריט
רעזידענץ 532 פאלמערסטאן בולווארד
טעלעפאן קאלעדזש 6690
(2—12)

א גרויסער יום טוב

ביי דער קאנגרעגיישאן בית יעקב ינשי פוילען אין 17 עלם סטריט נעהט שטאטפינדען א גרויסער יום טוב, אן אמתע אידישע שמחה

אן התחלת הספר

דאס וועט געשעהען
היינטיגען זונטאג
פרשה יתרו אום 3 א זייגער בייטאג אין
17 עלם סטריט

אלע אידען וואס ווילען זיך מיט אונז משמח זיין און האבען די זכיה דאס ביי צו וואהנען, זיינען מיט'ן גאנצען הארצען איינגעלאדען.

איהר ווייסט דאך, כל הכותב אות אחת כאלו כותב כל התורה כולה, איין אות בלבד ווען איהר שרייבט ווערט עס גערעכענט ווי איהר וואלט געשריבען די גאנצע תורה.

פלאמבינג
מיט לייכטע אפצאלונגען
ווערט געמאכט ביי אייער
פריינד
מ. לאיעווסקי
10 דיארסע סטריט
פאן קאל 7747.

מישע עלמאן און די ניו־יארקער סימפאני

יאנואר דער 20 טען וועט אונטערשטראכען ווערען אלס א ספעציעלע טאג אין דעם לאקאלען מוזיקאלישען סעזאן דער מיט וואס דער מענעדזשער נארמאן מ. וויטהראן וועט פארשטעלען אין מאסי האלל דעם פענאמענאלען יונגען רוסיש אידישען וויאליניסט, מישא עלמאן, צו זאמען מיט דעם ניו־יארק סימפאני ארקעסטער, וואלטער דאמראש קאנדוקטאר. מיט דעם טריאומף פון מר. דאמראש און זיין פראכטפאלען ארקעסטער אין מעסי'ס האלל לעצטען סעזאן וועלכער ליגט נאך טיעף אין זכרון פון די מוזיק ליעבהאבער און דער צו נאך עלמאן, וועגען וועלכען עס ווערט צו געגעבען אז ער פערנעהמט דאס ערשטע פלאץ צווישען די גרעסטע פיעדעל שפיעלער פערשפרעכט דיעזער פאל צו זיין זאגאר נאך זעלטענער און פון מעהר בעדיטונג ווי דער פאל פון פערגאנגענעם ווינטער. עס איז א בעוואוסטער פאקט ווי עס איז געווען לעצטעסיאהר דאס דער עולם אין טאראנטא איז נאך „מוזיק הונגעריג", און אין דיעזער דאפעלטער עטרעקשאן, כאטש עס איז בלויז פאר איין נאכט וועלען פיעלע ערווארטונגען צופריעדען געשטעלט ווערען. עלמאן קעהרט זיך אום צו דער קאנצערט פלאטפארמע נאכדעם ווי ער האט גערוהט.

א גאנץ יאהר אין וועלכען ער האט זיין בויגען אפילו איין מאל ניט געצויגען ווייל ער האט בעסער געוואלט א לאנגע פעריאד פון גייסטיגע און פיזישע פארבערייטונג פאר א גרעסערען טריאומף וועלכער ווארט אויף איהם. די ניו־יארקער קריטיקער ערקלעהרען דאס ער איז ברייטער און וואונדערבארער געווארען. איינע פון זיינע לעצטע פארשטעלונגען אין פילאדעלפיא ווערט בעשריבען אין פאבליק לעדזשער אט אזוי:

„עלמאן האט געשפיעלט מיט א נשמה אויפ'ן פייער און ער האט גענומען דאס פובליקום מיט שטורם, זיין פארטרעפליכע זיידענע גלאטקייט און זיסקייט פון טאן האט געווירקט אויף די צוהערער ווי דאס גלעטען פון א ליעבליכער האנד. פון אנהויב ביז ענדע איז זיין שפיעלען געווען א ריין אונאויסדרוקבארער תענוג. עס איז געווען שטראמענדע עלעקטריציטעט, יעדע מינוט אלז ער געווען אין זיין סאמע ברען און ער האט ארויסגעצויגען פון זיין פיעדעל אלעס וואס ער פערמאגט אין זיך".

אזוי ווי עס וועט זיין העכסט ווארשיינליך א גרויסער נאכפראגע אויף רעזערווירטע פלעצער דורך פאסט זיינען די פאטראנייזער פון מעססי האלל וועלכע ווילען זיך בעזארגען מיט גוטע פלעצער ערזוכט אריין צו שיקען זייער רעמיטענס זאפארט און אדרעסירען צום מענעדזשער מעססי האלל.

הערי לאודער קומענדע וואך

הערי לאודערס בעזוך אין טאראנטא פערשפרעכט צו זיין א וויכטיגער פאל אין פערשידענע הינזיכטען. דאס מאל וועט ער דאס ערשטע ערשיינונג אין דעם אלעקזאנדרא טהעאטער און פינף פארשטעלונגען דאנערשטאג, פרייטאג און שבת אווענדער, יאנואר 20, 21 און 22 און צווי מאטינעעס פרייטאג און שבת, יאנואר 21 און 22. דאס וועט זיין מר. לאודערס לעצטע ערשיינונג אויף דיעזען קאנטינענט פאר וועניגסטענס 1918, ווייל נאך זיין איצטיגען טור אין קאנעדע און אין די פעראייניגטע שטאטען וועט ער בעזוכען סאוטה אפריקא. דאן וועט ער נעהמען קיין אויסטראליען. א טור וועלכער וועט איינעהמען געוויס צווי יאהר. צוליעב זיין איצטיגען אנגאזשמאן האט מר. לאודער ספעציעל פערפאסט א פאלשטענדיג נייעס רעפערטואר פון ליעדער. זיינע נייע ליעדעלאך זיינע אנטיקלעך. איבערהויפט האט ער א ניי ליעדעל אין וועלכען עס איז פאראן א סאלדאט מיט א מיידעל און היישען הייסט עס „איי'ל סטיק טו ראזיע" דאס הייסט אז ער וועט זיך פון זיין ראזי'לען ניט אבטשעפען, זאגט מען אז איידער עס וועלען אוועק געהען 24 שטונדען וועלען אלע דאס זינגען איבער גאנץ קענעדע.

Donations for the War Sufferers from Kincardine, Ont.

W. Manes	$1.00
B. Grossberg	$2.00

$456.500 אבגעשיקט פאר די מלחמה קרבנות

ניו־יארק —

ביי א מיטינג פון דער דזשאינט דיסטריביושאן קאמיטע וועלכע איז פולל דיא דריי הויפט קאמיטעס וואס זאמלען הילף פאר דיא נויטליידענדע אידען אין דיא לענדער פון מלחמה, דיא אמעריקאן דזשואיש רעליעף קאמיטע, די סענטראל רעליעף און דער פאלקס הילף קאנפערענץ איז בעשטימט געווארען אבצושיקען $456,500 פאר די שמאכטענדע אידען אין דיא פערשיעדענע לענדער וואס זיינען פערוויקעלט אין קריעג.

ביי דעם מיטינג וועלכער איז אבגעהאלטען געווארען אין אפיס פון טשערמאן פון דער דיסטריביושאן קאמיטע, פעליקס וואבורג, 52 וויליאם סטריט, זיינען געווען אנוועזענד: פון דער אמעריקאן דזשואיש רעליעף קאמיטע: דר. י. ל. מאגנעס, הערי פישעל, דזשאדזש זענדערס, סירוס אדלער, לואיס מארשאל, ד. מ. ברעסלער און מיס לעוועגשטין; פון דער סענטראל רעליעף קאמיטע: ראבי רמ"ז מרגליות, אלבערט לוקאס, מאריס ענגלעמאן און פ. וויערניק; און פון דעם פאלקס הילף קאנפערענץ: דר. פ. קאפלאן, מ. ראטענבערג און שלום אש, מר. ווארבורג איז געווען פארזיצענדער.

עס זיינען פארגעלעזען געווארען מעהרערע בעריכטען וועגען דער פערצווייפעלטער לאגע פון די אידען אין דיא קריגס לענדער און דער איינדרוק וואס זיי האבען געמאכט אויף דיא אנוועזענדע איז געווען זעהר א שטארקער. דיא סענטראל רעליעף קאמיטע האט דאן דורך איהרע פערטרעטער בייגעטראגען ווייטערע $25,000 צום הילפס פאנד און דאס זעלבע האט אויך געטהאן דער פאלקס־הילף קאנפערענץ.

עס איז דאן בעשלאסען געווארען אבצושיקען.

$100,000 פאר דיא ליידענדע אידען אין רוסלאנד.

$50,000 פאר עסטרייכער און גאליציאנער אידען וואס געפינען זיך אלס געפאנגענע אדער פליכטלינגע אין רוסלאנד.

$175,000 פאר דיא פוילישע אידען אונטער דייטשלאנד.

$125,000 פאר דיא אידען אין עסטרייך־אונגארן און גאליציע.

$2.500 פאר דיא נויטליידענדע אידישע סטודענטען אין דער שווייץ און $1000 א מאנאט (פאר פיער מאנאטען) פאר דיא נויטליידענדע אידישע פליכטלינגע אין אלכסנדריא, מצרים.

עס איז בעשלאסען געווארען דאס די צוואנציג טויזענד דאלאר וואס איז ביי א פריהערדיגען מיטינג בעשטימט געווארען פאר ערציהונגס־צוועקען אין רוסלאנד, זאל איבערגעגעבען ווערען צו דער קאמיטע אין ווארשא וואס ווירקט אלס סאב־קאמיטע צו דער אידישער הילפס־קאמיטע פאר פוילען.

צוליעב דעם וואס מען ווארט אויף א בעשטימטען רעפארט פון פראוויזשאנעל קאמיטע, איז בעשלאסען געווארען אבצואווארטען מיט שיקען געלד פאר די ליידענדע אידען אין ארץ ישראל, ביז'ן קומענדען מיטינג.

עס איז בעריכטעט געווארען דאס מר. הואווער, טשערמאן פון דער הויפט קאמיטע פאר רעליעף אין בעלגיען און די פערטרעטער פון ראקעפעלער פאונדיישאן, האבען זיך אנגעבאטען צו העלפען אין דיא הילפס ארבייט פאר אידען אין פוילען

עס איז אויך בעריכטעט געווארען דאס דער דייטשער סענטראל הילפס קאמיטעט פאר דיא געגענדען וואס זיינען בעזעצט פון דייטשען, טהוט זעהר פיעל פאר אידען. דער קאמיטעט גיט פון זיין קאסע פאר אידען צוויי דאלאר פאר יעדען איין דאלאר וואס ער קריגט אריין פון אידען.

עס איז ביים מיטינג בעקאנט געמאכט געווארען דאס ביז דעם עלפטען יאנואר איז אריינגעקומען 1,112,786.92 דאלאר אויף דעם פינף מיליאנען דאלאר פאנד וואס ווערט איצט געזאמעלט.

LOEW'S
לאעוו'ס יאנג סטריט טהעאטער

אונאונטערבראכען
12 מיטאג ביז 11 נאכמיטאג
נאכמיטאג 10 סענט, 15 סענט.
אבענד 10 סענט 15 סענט און 25 ס

פאן 3600 — הוי קלאס ווארעוויל. — באקספיס רעזערווירט.

נעקסטע וואך עקסטרא! עקסטרא!
עדווארד אבעלעס
מארקוס לעאוו פרעזענטירט
אליין, ניט א פאטאפליי, אין „זעלבסט פערטהיידיגונג"

הוירסט און הוירסט
אנגענעהמע זינגערס און טענצערס

גאללאן
„דער מאן מיט די מארנע ליכטיגקייט"

פראנסעס ריגאלט
„די פעשאן פלייט אין וואדעוויל"

פינף מארבערדס
אין די נאציאנאלע מיליטערי קינדער

פיסק, מאקדאנאה און ביטמאן
אין „פערדיים פ ניסאן"

וויסמאן און לאן
די פערזאנ לימי מידלאך

אן אויפרוף צו די טשעטשערסקי לאנדסלייט און מאליזווער לאנדסלייט אין אלגעמיין

אז זיי זאלען ניט פערגעסען אן זייערע ליידענדע ברידער און שוועסטער אין די מלחמה געגענדען און איהר זאלט קומען אומבעדינגט צום

קאנצערט

וועלכער איז אראנזשירט צו לאפען הילפע פאר די ליידענדע.

דער קאנצערט וועט שטאטפינדען

זונטאג דעם 23־טען יאנואר 1916
אין די אקסטאן האלל קאר. קווין און באטהורסט

אום 2.30 נאכמיטאג

איינטריט ביי סילווער קאללעקשאן

מיט אכטונג די קאמיטע



הערי לאודער דער וועלט בעריהמטער סקאטש־קאמעדיען וועלכער וועט אויפטרעטען אין ראיאל אלעקסאנדרא דיעזע קומענדע וואך

MEET ME AT THE FIRESIDE
Strand
YONGE NEAR KING
CONTINUOUS 10 AM. TO 11 PM.
MATS 5¢-10¢
EVES 5¢ 10 15¢

מאנטאג דינסטאג און מיטוואך
דער נייער גאווערנאר
עדווארד שעלדאנס הארץ רייסענדע דראמא מיט וויליאם פארנום — מלחמה נייעס און אן עכסט לאנדיגע קאמעדיע
סימפאני מוזיק טעגליך
מעזאנין סיטס רעזערווירט ביי טעלעפאן מיין 8845

HIPPODROMME
City Hall Square

אונאונטערבראכענע פארשטעלונג

סיטי האל סקווער 3 שאוס טעגליך פון 1 נאכמיטאג ביז 11 אווענד מאטינעע 10 און 15 אווענד 10 15 25 די וואך פון מאנטאג יאנואר 17

הויפט עטרעקשאן
„פעסינייטינג פלארא"

די בעצויבערנדע פלארא מיט א קאמפאני פון 10 פעהיגע קינסטלער ספעציעלער פילם מערי מיילס מינטער די איינציגע קאנקורענטקע פון מערי פיקפארד "אלוויס אין די ווייט" עדמאנדס און פארעלל געהט אויף דער חתונה סילווער און דיואוואל ווערעטי פארשטעלונג אלגא קוק זינגענדע קעמיעדען די בענעט שוועסטער אין שווינדלענדע אקראבאטישע שטיק ספעציעלע עקסטרא עטטרעקשאן

מר. הערר מאקדאנאלד
יוז מרס. אין דער לעבעדיגער קאמעדיע שא יפונג:
„אונזער האנימון"

ROYAL ALEXANDRA

3 נעכט 2 מאטינעעס
פרייטאג און שבת

דער גרעסטער ענטערטיינער אין דער וועלט
העררי לאודער
HARRY LAUDER
און זיין קאמפאני פון אינטערנאציאנאלע ארטיסטען
הערט לאודער'ן זינגען
דער ענגלישער בולדאג הים אב די טהיר.
פרייזען 50 סענט ביז $2.00
מאטינעעס 50 סענט ביז $1.50

דער אלט בעקאנטער טיטשער מאריס גראפשטיין

איז יעצט אין דעם שעהנעם, אנגענעהמען און ליכטיגען בראדוויי האל 450 ספעדיינע עוו. (ארום קאלעדזש)

לעסאנס ווערען געגעבען מאנטאג, דינסטאג און דאנערשטאג פון 8 אווענדס ביז 10.30 פון אויסגעצייכנעטען סטעף לעהרער און בעסטען יוניאן ארקעסטער.

אלע זענען ווילקאמען!

פרייז וואלץ און פריוואטע לעסאנס ווערען געגעבען אונטער מיין אייגענער אויפזיכט.

מאריס גראפשטיין, פראפרייטאר.
טעלעפאן קאלעדזש 17

כשר
TERDIMAN'S
כשר ווארשט פעקטארי
איהר בעקומט ביי אונז אימער די נעשמאקסטע, פרישעסטע און בעסטע סאסעדזשעס. ווארשטס, סאר לאמא, פאסטראמא, צונגען און אלע סארט פליישען און פיש.
פערלאנגט איבעראל טערדימאנ'ס כשר סאסעדזש מיט'ן רויטען לייבעל.
266 פארלאמענט סטריט
טעלעפאן מיין 909
ארדערס דעליווערט איבעראל.

צו פארענטען אן אונגעפארנישטער רום ביי אן אנשטענדיגע יאנג פאמיליע פאר א יונגען מאן אדער פריילין. אין 24 ראסס סט.

אן אינטעליגענטער יונגער מאן האט א געלעגענהייט צו בעקומען א פאזישאן אין "זשורנאל". זיך ווענדען פערזענליך.

מילך און קריעם

איז שוין געברויכט ביי א סך אידישע פאמיליען און די אורזאכע דערפון איז, ווייל זיי האבען אונזער ראטה גענומען און אנגעפאנגען עס צו געברויכען. — איהר דארפט דאס זעלבע טהאן, איהר וועט אומבעדינגט ניט חרטה האבען.

21 פיינט טיקעטס $100
טעלעפאנירט קאלעדזש 2040.